ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# תפארת
# מנחם

אידיש

**310**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

# ספר

# תפארת מנחם

אינד דיזען ספר ווערט ערציילט זייער ווינדערליכע זאכין פון דם היילינין צדיק ר' מנחם מענדיל זצ"ל פון רימאנוב . װעלכיס מיר האבן ארויס גינומען פון היילינע ספרים . אינד מיר האבן גידרוקט אויף זשארגאן . כדי יעדער מענטש זאל וויסין דאס גרויסקייט פון דיזען הייליגען צדיק זיע"א :

## ווינדערליכע מעשיות פון רבי'ן ר' מענדלי פרימאנוב זצ"ל.

---

א) דער רבי ר' מענדילע פרימאנוב איז אונ זיין יוגנד אוועק פון זיין געבורין לאנד אונ איז ארים געפארין אונ דיא ישיבות וואס זענין דאמאלס געוועזן בעקאנט דער נאך איז ער געפארין קיין ניקילשפורג צום רבי'ן ר' שמעלקי האט ער דארט ביי אים זייער פיל געלערינט. אויך דאס חסידות וואס דער רבי ר"ש האט מקבל געוועזן פון זיין רבי'ן ר' בער דער מגיד פון מעזריטש האט דער רבי ר' מענדילי ביי אים מקבל געוועזן נאר וויל די מדינה „מעהרין" קען אונ זיך געשט האלטין די הייליגע צדיקים וואס דער רבי ר"ש האט דארט נעהאט. דעריבער איז דער רבי ר' מענדילי מיט די רעשט תלמידים אוועק פון ניקילשפורג. אונ ער איז געפארין קיין גאליציא צו קימען צו דעם רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק דער מחבר פון דעם ספר „נועם אלימלך" ווייא ער איז געקומען אויף דעם וועג אונ אנאסט הויז לעבין ליזענסק אונ ער האט שוין ווייטער געשט געקאנט גיין. וויל דיא נאכט האט בערשפרייט אירע פליגיל אויף דער וועלט אונ ער איז אויך געשט געוועזן געוואהנט צו גיין אינטער וועגינס. האט ער געבעטין די נאסט הייזערין אז זיא זאל אים לאזין איבער נעכטינען אונ איר הויז צווישין די רעשט אורחים. ווייא זיא האט אים אנגעקוקט זיין פיין געשטעלט האט זיא אים זייער פריילעך צו געגוסין. אונ זי האט אים אפ געגעבין אבעזונדער חדר מיט גרויס כבוד. אבער ער האט געשט געוויסט אז די אשה איז איין אוים געלאסענע

איז ער זיך נעגאנגען אפ ריען פון זיין וועג וואס ער איז זייער מיד געוועזן ווייא עס זענין שוין אלע אורחים זיך נים איינגעשלאפין איז זיך די בעל הבית'טע אויף געשטאנין פון איר חדר אונ איז שטילער הייט ארייון געגאנגין אונ דעם חדר פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי. אונ האט אים אנגעכאפט ביי זיין מלבוש. איז ער זייער דערשראקין געווארין האט ער איבער געלאזט זיינע אלע זאכין ביי איר אונ איז אנטלאפין נאקיט אונ בזיוום אויף דעם וועג וואס ער גייט קיין ליזענסק. ווייא ער איז געקומען אינטער דער שטאט איז ער ארייין געגאנגין אונ איין הויז אריין. האט מען אויף אים רד נות נעהאט אונ זייא האבין אים געגעבין אמלבוש ער זאל זיך צו דעקין פון זיין נאקיט הייט ווייא ער איז אריין געגאנגין צום רבי'ן ר' אלימלך. איז דער רבי ר"א פאר אים אויף געשטאנין אונ האט אים געזאגט „ברוך הבא יוסף הצדיק" דער נאך האט אים דער רבי אהן גענימין ביי זיין האנד אונ האט אים מקרב געוועזן אונ ער איז געוועזן פון זיינע גרויסע תלמידים:

~~~

ב) דארט אונ ליזענסק האט מען אים גערעט שידוכים וויל ער איז נאך געוועזן א בחור האט ער זיך משדך געוועזן מיט א בעל הבית'ל פון דער שטאט פריסטיק. אונ נאך זיין חתונה האט ער געגעסין קעסט ביי זיין שווער. ער האט געדינט
~~~

השי"ת מיט הייליגקייט און ער איז
שטענדיג געזעסן און האט געלערנט.
אויך איז ער געזעסן שטענדיג און
האט געפאסט און געפייניגט זיך אז
עס איז געקומען ווינטער פלעגט ער
זיך קאלערן און שנייא. דו פריסטיקער
מענטשין ווייזין נאך היינט דעם
בארג וואס נייט אראפ צו דער מקוה
וואס פון דארט פלעגט זיך דער רבי
ר' מענדילי אראפ קאלערן און שנייא
צו דער מקוה אבער ער איז דארט
נישט לאנג געזעסן בשלום. ווייא
זיין שוועער האט געזעהן אז ער פירט
זיך מיט חסידות און ער שיידט זיך
אפ פון דער וועלט. ער זארגט גאר
נישט צו געבין זיין בני בית קיין
פרנסה. האט ער גוזר געוועזן אויף
זיין טאכטער אז זיא זאל פון אים
פערלאנגין ער זאל זיא גטין. אבער
ער האט אים נישט געפאלגט האט ער
זייא פון זיך פערטריבין און האט
זייא סדיר הנאה געוועזן פון זיינעם
פערמעגין האט זיך דער רבי ר"מ
געדינגען אבעזינדערי דירה און
ער האט געליטין גרויס דחקות. אויך
זיין ווייב האט געפאסט גלייך מיט
אים און זיא האט אלעס געליטין און
געשוויגין. זיא איז געזעסן און האט
געשפינין דאס פערדינסט איז געוועזן
אויף פרנסה פון איר בני בית וועגין.
האט זיך געטראפין דאס עס איז
פערבייא געגאנגין דרייא טאג און זיא
האט נישט פערדינט אויף קיין שטיקיל
ברויט זענין זיא אזוי געזעסן און
האבין געפאסט. האט זיא בייא זיך
געקלערט אויב מיר וועלין דא זיצין
קענין מיר נאך אזוי שטארבין וועל
איך פריווין גיין צום בעקער אפשר
וועט ער מיר וועלין בארגין אקיביל
וועל איך עס טראגין צו מיין מאן
וואס ער זיצט און ביהמ"ד און
לערינט וואס ער האט שוין נישט
גענעסין דרייא טאג. ווייא זיא איז
געקומין צו דעם בעקער און האט
אים דערציילט איר בקשה האט ער
איר נישט געוואלט בארגין ווייל זיא
האט אים נאך נישט בעצאהלט דעם
לאנגסטיגין חוב. איז זיא אהיים
געגאנגין און אירע טרערין זענין איר
געשטאנין אויף דיא באקין. ווייא זיא
האט זיך איבער געדרייט אהיים צו
גיין, האט ער געהאט חרטה אויף
דעם וואס ער האט איר נישט
געגעבין דאס קיביל צו ערנעהרין זיך
דער נאך האט ער צו איר געזאגט.
אויב דו וועסט מיר אוועק געבין דיין
חלק אויף יענער וועלט וועל איך דיר
געבין דאס ברויט. ווייא זיא האט
דאס דער הערט איז זיא געשטאנין
פערקלערט וואס זיא זאל טוהן. צום
סוף האט זיא זיך געשטארקט און האט
געזאגט. איך וועל נישט לאזין מיין
מאן ער זאל שטארבין און הינגער.
לאז זיין וואס עס וועט זיין. האט
זיא זיך געקערט צום בעקער און
האט געזאגט. גיב מיר ברויט מיט
קעז. וועסטו האבין מיין חלק אויף
יענער וועלט. דער בעקער האט איר
געגעבין וואס זיא האט פערלאנגט
איז זיא געגאנגין און ביהמ"ד אריין
און האט אנידער געלייגט אויף דעם
טישטיך פאר איר מאן ברויט מיט
קעז. און זיא איז געבליבין שטיין
אויף איר ארט. ער האט זיך געוואשין
און געמאכט א ברכה און האט גענעסין
פרעגט ער זיא וואס שטייסט דו נאך
און איר מנהג פלעגט צו זיין אז זיא
האט אים געברענגט עסין האט זיא
אנידער געלייגט דאס עסין און איז
זיך באלד אוועק געגאנגין האט

זיא

יזא אנגעהויבין צו וויינין און זאגט מיין ערליכער מאן . דו ווייסט דאך מיין גאנץ סדיקיים מיט ארימקייט . ווי נאר איך זאל זוכה זיין צו עולם הבא און יעצט האב איך פערקויפט מיין חלק עולם הבא אויך און זיא האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה האט ער זיא געטרייסט און גיזאגט זייא דיך נישט מצער . וואריין מיט איין רנע פריער איידער דו ביסט גיקומען האט מיך אהן גיחאפט א בילמוס (אזא קרענק וואס קימט דארך נישט עסין) און אויב דיא זאלסט מיר נישט גיוועזן ברענגין דאס ברויט וואלט איך גיוועזן גישטארבין ר״ל . און אויב עס איז אזוי . האסט דיא דאך דיר גיקויפט אויפס נייא עולם הבא מיט דעם וואס דיא האסט מיר גיקויפט דאס ברויט ווארין דער וואס איז מקיים איין נפש פון א יוד איז גלייך וויא ער וואלט מקיים גיוועזן אגאנצע וועלט דעריבער נאך וואס זשע טויג דיר דיא לאנגסטיגע עוה״ב און נאך וואס זארגסט דיא :

ג) אמאהל האט זיך גימאכט אז עס איז אנגעקומען פורים. און בייא אלע יודין און דיא הייזער איז גיוועזן פרייליך און לעבטיג . און בייא ר״מ איז נישט גיוועזן נאר א שטיקיל ברויט. אויך בייא איר פאטער איז דער טיש גיוועזן גידעקט מיט אלע מינים זיסע שפייז אירע שוועסטער און ברידער זענין גיזעסין ארים דיא טישין און האבין פערגיסען פיל תענוג . און איר איז גיוועזן זייער ביטער דער יו״ט איז בייא איר גיוועזן טרויעריג . צום פאטער האט זיא נישט גיקענט גיין ווארין ער האט דאך איר

מדיר הגאה גיוועזן פון זיין פערטעגין האט זיא שוין נישט גיקענט ליידין אירע צרות מיט דעם הארין חייטאג. איז זיא שטילער הייט גיגאנגין צוא איר פאטער און קעך אריין און זיא האט גינימען אטאפ פלייש און איז זיך אוועק גינאנגין . דיא קעכין האט אויף איר גאר נישט אהן גישריגען. וויל זיא האט דאך גיוויסט אז זיא איז איר בעל הבית־טס א טאכטער. וויא איר מאן איז אהיים גיקומען פון בית המדרש . האט זיא פאר איס גיגרייט אטיש פול מיט פעטע זאכין פרעגט ער זיא פון וואנין נעמט זיך דאס צו דיר . האט זיא איס דערציילט. וויא ער האט דאס געהערט. גיט ער אויפץ . און זאגט עס איז שוין לאנג גיקומען אסוף צו אינזערע צרות און צו אינזער פיין . יעצט דארך דעם וואס דיא האסט דאס גיטוהן איז אויף אינז נגזר גיווארין צו ליידין נאך צווייא יאהר פיין און צרות :

ד) אמאהל איז ער צוריק גיקומען האלבער נאכט פון דער מקוה זייער גיפרוירין פון איין און שנייא זיינע קניען האבין גיקלאפט איינע צוא דער צווייטער . זיין ווייב האט איס גיוואלט ערקוויקין מיט אביסיל וואריםס . אבער זיא האט נישט גיפינין קיין שטיקיל האלץ אהן צו צינדען דאס פייער . ווייל דיא איז אזוי נישטאנין איינגעהילט און צרות . האט זיא זיך דערמאנט אז פאר עטליכע טאג האט מען גיהאקט האלץ אויף איר פאטער׳ס הויף דעריבער איז זיא אהין גינאנגין צו גויף קלייבין דיא שפענדליך פון אינטער דעם שנייא . אירע פינגער זענין גיפרוירין

גיפֿרוירין גיוואָרין פֿון דעם פֿראָסט אונ שנייא אונ זיא איז פֿערחלישט גיוואָרין. ווייא ער האָט גיזעהן אַז זיא זוימט זיך. איז ער אַהין גינאַנגין אונ האָט גיפֿינין אַז זיא חלישט. מיט פֿיל מידיקייט האָט ער זיא אויף גיוועקט אונ האָט זיא אַריין גינומען אונ שטוב אַריין. אַזוי איז אויף זייא איבער גינאַנגין טעג מיט צער. אָבער דאָס אַלעס האָט אים נישט גישטערט פֿון זיין דינסט צו דעם אייבערשטין. נאָ"ע מאָהל איז ער גיפֿאָהרין צוא זיין הייליגין רבי'ן ר' אלימלך מליזענסק אונ האָט זיך דאָרט פֿערזוימט וואָכין אונ חדשים:

~~~~~~

ה) אַמאָהל ווען ער איז גינאַנגין צו זיין רבי'ן אונ זיין ווייב איז אים מיט גינאַנגין בעלייטין ביז אינטער דער שטאָט. האָט זיא גיוויפֿצט אונ גיזאָגט מיין מאַן וויא לאָזט דיא מיך איבער מיר האָבין אַפֿילו נישט אונ דער הײם אַשטיקיל ברויט. האָט ער אויך גינעבין אַזיפֿץ אונ האָט גיזאָגט עס גיפֿינט זיך אונ מיין זעקיל אַברויט. האָט ער גענומען אונ האָט עס צוטיילט אויף צוואייא העלפֿטין איר איין העלפֿט אונ זיך דיא רעשט. ער האָט זיך מיט איר אָבגיזעגענט אויף דעם וועג האָט ער זייער חרטה געהאַט אויף זיין זיפֿצין וואָס ער האָט אַרויס גירעט מיט זיין מויל ווען זיא האָט זיך פֿאַר אים פֿערטרויערט. אונ ער האָט נישט דאַמאָלס גיטוהן אויף זיין האַרץ. אַז השי"ת שפייזט דיא גאַנצע וועלט מיט רחמנות אונ אַז ער איז נאָך נישט צו דער מעלה פֿון אמונה. אונ אויף דעם אָרט זיין ווייב האָט אים גיפֿרעגט וויא לאָזט דיא מיך איבער אָהן עסין האָט ער איר גיענטפֿערט עס איז פֿער האַנדין קערינדליך אונ גיריזיכץ וועסט דיא דערפֿין באַקין ברויט:

~~~~~~

ו) בייא זיין רבי'ן ר' אלימלך מליזענסק האָט ר' מענדעלי מקבל גיוועזען פֿיל תורה ער האָט זיך אָנגיקוקט אויף אַלע זיינע פֿירינג אונ מנהגים אַזוי וויא ער אַליין האָט דער נאָך דערציילט אונ האָט גילערינט צו זיינע תלמידים מיט דעם לשון „ווער עס איז זוכה צו אַ אמתין שכל ווען ער זעהט דעם צדיק אונ קוקט אויף אים קאָן ער פֿון יעדער אבר פֿון דעם צדיק לערנין תורה אַזוי וויא איך האָב גילערינט תורת פֿון אַלע איברים פֿון מיין רבי'ן. אונ דער וואָס איז נישט זוכה צו אַזא מעלה פֿון דעסט וועגין אַז ער קוקט אונ דעם פנים פֿון זיין רבי'ן דער צדיק איז דער צדיק אויף אים משפיע אַלעכטיקייט פֿון יעדער אבר" אונ אַז דער רבי ר"ט איז גיוועזין בייא דעם רבי'ן דער מחבר פֿון ספֿר דגל מחנה אפֿרים איידער ער איז אַנפּלעקט גיוואָרין אויף דער וועלט. האָט ער אים גיפֿרעגט וואָס ער האָט גיזעהן בייא זיין רבי'ן האָט ער אים גיזאָגט „איך האָב גיזעהן מיין הייליגען רבי'ן אַלע טאָג אַז אונ דער צייט האָט ער האָט אַכטונג גינעבין אונ דעם פֿאַרכטיקייט פֿון השי"ת. האָבין זיינע ביינער ניציטערט פֿאַר השי"ת אונ פֿאַר זיין פּחד. אַלע זיינע אָדערין זענין גיוואָרין אַזוי וויא שטריק אונ זיין פנים איז פֿערענדערט גיוואָרין אינטער דעם מענטש'ס איטער אונ פֿערהאַנדין

פערהאנדין איין ארער וואס איך האב מקבל גיוועזן פון מיין רבי'ן ז"ל אז דער ארער טוהט קיינמאל נישט ציפערין נאר אונ דעם טאג וואס דער מענטש שטארבט . האב איך גיזעהן אז דער ארער האט אויך גיציטערט ביי מיין רבי'ן ז"ל בשעת ער האט גידאווינט דארך זיין פיל פחד פאר השי"ת" האט דער רבי דער מחבר פון ספר דגל מחנה אפרים אים גילויבט אונ האט גיזאגט . דער פוילישער חסיד קוקט ניט :

ז) אונ דער צייט וואס דער רבי ר"מ איז גיוועזן ביי זיין רבי'ן אונ ליזענסק איז ער גיוועזן בעל תפלה אום ראש השנה איינמאל אום ר"ה וויא עס איז גיקומען דיא צייט צו צינעמן אונ ר"ה דאווינען פאר דעם עמוד . האט זיך דער רבי ר"מ בעהאלטין אונ האט נישט גיוואלט גיין דאווינען האבין זייא אים גיזוכט ביז ער גיפינען גיווארין אז ער איז גיוועזן בעהאלטין . אונ נאך דעם וואס מען האט אים פיל גיבעטין איז ער צו גיגאנגין צום עמוד . דער נאך האט ער גיזאגט אז דארך דעם האט ער דאס יאהר נישט גיוואלט זיין קיין חזן . ווייל דער חזן פון ראש השנה אונ יוכ"פ דארף זיין גיווארינט אז פון פיפצין טאג אין אב אן וויטער זאל אויף אים נישט פער ביי גיין איין טאג ער זאל נישט לערנין קיין גמרא אונ ער דארף דעם וואס ער איז גיוועזן פער טרוד אונ וועג האט זיך אים גימאכט איין טאג וואס ער האט נישט גיקענט לערנין א שיעור גמרא דעריבער האט ער נישט גיוואלט צו גיין צום עמוד .

ח) איין מאהל ווען ער האט נאך גילערינט ביי זיין רבי'ן ר' אלימלך זצ"ל אונ איידער ער איז גיווארין בעריהמט פאר איין בעל מופת אויך אז ער איז איין בעל רוח הקדש. ער איז גיוועזן גלייך מיט אלע חסידים וואס זענין גיזעסין פאר זייער רבי'ן האט זיך גיטראפין אז אום שבת אונ דער פריא ווען ער איז גיזעסין ביי נאנד מיט אלע חסידים ביי זייער רבי'נס טיש . וויא דער משמש האט אנידער גישטעלט דיא שיסיל יאך פאר זייער רבי'ן האט דער רבי ר' אלימלך גינומען דיא שיסיל אונ האט זיא איבער גידרייט איז דיא יאך גיווארין אוים גיגאסין . האט דער רבי ר' מענדעלי מרימאנוב גישריגין פאר גרוים פחד אוי וויא מיין רבי . מען ווערט דאך אינז אלע נעמין אונ תפיסה . יעצט לאז זשע אפ דער פון . דיא חסידים וואס זענין גיזעסין ביי דעם טיש האבין שיעור ארוים גילאזט אגרוים גילעכטער נאר דארך דער פארכט פון זייער רבי'ן האבין זייא זיך איינגעהאלטין פון צו לאכין . זיין הייליגער רבי ר' אלימלך האט אים דערויף גיענטפערט . זייא רוהי' מיין זוהן שלום איז צו אינז האב נישט קיין מורא מיר זענין דאך אלע היינט דא פערהאנדין דיא אלע וואס זענין גיזעסין האבין זיך פער וואונדערט ביי זייער הערין דיא תשובה פון זייער רבי'ן . דעריבער האט זייא זייער רבי אליין דערציילט וואס עס איז צווישין זייא גיוועזן . איינער פון דיא קענעגליכע הארין האט גיקלערט

בייזע

בייזע עצות שלעכטץ צו טוהן אלע יודין פון דער מדינה ער האט שוין פיל מאהל גיפריפט צו שרייבן מסירות אונ האט זיא גיברענגט צום קייזער ער זאל זיך אויף זייא חתמינין מיט זיין פינגערייל. אבער עס איז אים נישט אוים געפירט געווארין וויל אלע צייטין האט זיך גיטראפין איין אנדערע סבה וואס דארך דעם איז דאס פאפיר נישט ראוי גיוועזן מען זאל עס ברענגין אויף דעם קייזערליכען טיש. אונ היינט האט ער גיקאנטשיט זיין שרייבן אונ עס איז דערינין נישט געפינין גיווארין קיין שום פעהלער צו פערטיידין אים פון צו ברענגין עס צום קייזער וויא ער האט גיוואלט נעמין דאס פעסעלע זאמד אוים צוא שיטען עס זאל אוים טריקענען דיא טינט. האב איך איבער גידרייט דיא שיסיל מיט דער יאך צו ווייזין אז ער זאל אויך אזוי טוהן אויף דעם פאפיר. האט ער זיך דאמאלס טועה גיוועזן אונ אויף דעם ארט פון דעם פעסעלע זאמד האט ער גינימען דאס פעסעלע טינט אונ האט עס איבער נידרייט אויף דעם כתב אונ דער יונגער מאן האט דאס אללעס גיזעהן. אונ ער איז אחי פיל גיוועזין אוים נעמוהן פון דער וועלט ביז ער האט נישט גיוויסט אז איך בין דא. נאר ער האט גימיינט אז איך בין דארט אונ מיט מיינע הענד האב איך אוים גינאמין דאס פעסעלע טינט אויף דעם פאפיר דעריבער דאט ער גישריגין פאר גרוים פחד. מען וועט דאך אינז אללע נעמין אונ הפיסה אריין. דאמאלס האבין זייא אלע גיזעהן אז דער יונגער מאן קיקט מיט איין רוח הקודש אויף אזעלכעס וואס עס קען קיינער נישט זעהן:

ט) דער רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו אמרעד ער איז נפטר גיווארין (בשנת תקמ"ז כ"א אדר) האט ער אנגילעהנט זיינע הענט אויף זיינע תלמידים. אונ האט זייא יעדין בעזינדער אבגיטיילט פון זיין גרויסקייט דעם רבי'ן ר' יצחק מאיר האט ער אוועק גיגעבין דאס לעכטיקייט פון זיינע אויגין. אונ צו דעם רבי'ן ר' ישראל דער קאזיניצ'ער מגיד דעם כח פון זיין הארץ אונ צו דעם רבי'ן ר' מענדעלי פריסטיקער דיא נשמה פון זיין מוח. אונ צו דעם רבי'ן ר' אברהם יהושע העשיל מאפטא האט ער אוועק גיגעבין דעם כח פון זיין מויל. נאך דער פטירה פון דעם רבי'ן ר' אלימלך האט דיא וועלט גישיינט מיט דיא הייליגע צדיקים:

י) פיהל טעג פון צער זענין פער ביא גיגאנגין אויף דעם רבי'ן ר' מענדעלע מרימאנוב. איבער דער צייט וויא זיין שווער האט גיזעהן אז עס פויעלט אים נישט קיין שום זאך עס זאל אים מאכין איבער פארין פון זיין דעה. אונ אויב ער וועט נאך מאכין הארט זיין הארץ אונ וועט נישט רחמנות האבין אויף זיינע קינדער. וועלין זייא שטארבין פאר הינגער איז זיין רחמנות אויף זייא דערהיצט גיווארין. האט ער זיין גילאזט מתיר זיין נדר. אונ ער האט זייא איבגיקערט צוא זיין הויז זענין זייא גישפייזט גיווארין ביא זיין טיש אזוי וויא פריער נאך דעם וואס זיין הייליגער רבי איז נפטר גיווארין אונ עס איז שוין גיקומין דיא צייט פון דעם הייליגען רבי'ן ער זאל ווערין רבי איבער דיא יודין אונ זאל זייא לערנין

ערנין וויא אזוי מורא צו האָבן פאַר
עס אַרבירשטען האָט השי"ת איבער
ידרייט דאָס רעדל אַז זײַן לעבעטיקײַט
יאָל שפּרינגען אויף אַנדער לאַנד. וויא
ער איז געזעסן און האָט צוריק געגעסן
קעכט בײַא זײַן שווער. האָט ער
אויף געהערט צו עסן פלייש. ווײַל
יער שוחט פון שטאָט איז אים נישט
יפעלין וואָרין נאָך זײַן דעה נאָך
איז דער שוחט פסול טאָר מען נישט
עסין פון זײַן שחיטה אַלע טאָג האָט
ער געהאַט אויכוח מיט זײַן שווער
יוענין דער זאַך. און ער האָט אים
געוואָרינט אַז ער זאָל נישט עסין
קיין פלייש פון דעם שוחט'ס שחיטה.
זײַן שווער האָט דיזע זאַך דערציילט
פאַר פיל מענטשין האָבן זיא זיך
דערפין אויס געלאַכט ווײַל זיא האָבן
נישט געהערט קיין שום שלעכטין שם
אויף דעם שוחט. מסתמא איז דאָס
בוודאי לינענד עס איז פער בײַא
גינאַנגין אַפּאָהר וואָכין האָט דער
רבי ר' מענדעלי געזאָגט צו זײַן שווער
אַז עס איז אים אײַנגעפאַלין ער זאָל
אָנהייבין צו האַנדלין דעריבער אַז ער
וועט מאָרגין אי"ה פאָרין אויף דעם
יריד וואָס איז און עטאָט זאָל ער
אים אויך מיט נעמין כדי ער זאָל
זיך אויס לערנין האַנדלין. זײַן שווער
האָט זיך זייער געפרייט און ער זאָגט
צו אים דיא זאָגסט ניט. וואָרין הורה
מיט האַנדלין איז זייער גוט! אַזוי
וויא אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט.
זיא זענין אויף געשטאַנין און דער
פריא און זענין געפאָרין מיט נאָך
פיל מענטשין אויף אײַן וואָגין. ווען
דיא זין האָט אָהן געהויבין צושײַנין
זענין זיא געקומען צו אַנאָהגט דאָרף
וואָס דאָרט האָבן זיא אַלע וואָך
גענוהט ווען זיא זענין געפאָרין אויף
דעם יריד דאָרט פלעגין זיא אָב
דאַווינין און איבער בײַסין דער נאָך
זענין זיא געפאָרין און שטאָט אַרײַן.
דעם טאָג וואָס ר' מענדעלי איז אויך
געפאָרין אויף דעם יריד בשעת זיא
האָבן געדאַווינט. האָבן זיא געזעהן
אַז דאָס פנים פון זייער בעל הבית
איז זייער טרויעריג. פרעגין זיא אים
וואָס איז הײַנט מײַן וויא אַלע טאָג
וואָס איר זענט טרויעריג? האָט ער
זיא דערציילט אַז זײַן טאָכטער גייט
שווער צום קינד עס דויערט שוין
אַזוי אַגאַנצע טאָג. דער דאָקטער
איז שוין בײַא איר געוועזן און זיא
קענין איר גאָר נישט העלפין. וויא
זיא דער הערין דאָס האָבן זיא
אַלע געזאָגט צו רבי'ן ר' מענדעל'ס
שווער דײַן איידים איז אַצדיק לאָז
ער פאַר איר בעטין. האָט ער זיא
געזאָגט אַז עס איז נישט אמת. וויא
דער בעה"ב האָט געהערט דעם נאָמין
„צדיק" האָט ער אים שוין נישט
אָבגילאָזט נאָר ער איז פאַר אים
אַנידער געפאַלין און דאָט געבעטין
זיך בײַא אים. און האָט געזאָגט.
איך בעט דיך מײַן הער האָב רחמנות
אויף מיר און אויף מײַן טאָכטער
וואָס זיא איז און אַסכנה. איז דער
רבי דערויף בעשטאַנין און האָט געזאָגט
יעצט הער צו אַלעם וואָס איך
וועל דיך בעטין. גייא און דעם
חדר פון דער געווינערין און זאָג אַז
זיא וועט בלײַבין לעבין. נאָר אויף
דעם תנאי אַז זיא וועט אויס זאָגין
פון וועמין זיא איז טראָגין געוואָרין
איז איר פאָטער געגאַנגין און איר
חדר אַרײַן און האָט זיא געפרעגט
דיזע אַללע רייד זאָגט זיא איך בין
טראָגין פון מײַן מאַן. איז איר פאָטער
צוריק געקומען צום רבי'ן מיט תשובה
האָט

האָט איהם דער רבי גיזאָגט . וואַרט דאָ אַבּיסיל . אונ זאָלסט נאָך אַמאָהל זיא גיין פרעגין דיא זאָלסט זיא מתרה זיין . אַז זיא וועט נישט לתּקינין וועט זיא באַלד נעהאָלפין ווערין אונ אויב זיא וועט לתּקינין זאָל זיא וויסין אַז זיא וועט שטאַרבּין . איר פאָטער האָט אַבּיסיל גיוואַרט דער נאָך איז ער אַרהין גינאַנגין מיט דיא דאָזיגע רייד. אונ דער רבי האָט גישטעלט צוויא עדות אינטער דער טוהר זייא זאָלין הערין איר תשובה נאָך איר פאָטערס התראה האָט זיא מודה גיוועין אַז פון דעם פרויסטיקער שוחט איז זיא טראָגין גיוואָרין ווען ער איז דאָרט גיוועין

נאָכדעם וואָס זיא האָט מודה גיוועין איז דאָס קינד אַרויס גינאַנגין . אונ דיא סכנה איז פער בייא גינאַנגין . וויא זייא האָבּען דאָס אַללעס נעהערט האָבּין זייא גיזעהן אַז צו אַ צדיק טרעפט זיך נישט קיין שום אימרעכט . ער זאָל ווערין פער אימווערדיקט פון דער טרפה'נער יאָך פון דעם פליייש וואָס דער שוחט האָט גישאָכטין . דער רבי איז נייט ווייטער גיפאָרין אויף דעם יריד וויל ער האָט גיזאָגט אַז דאָס וואָס ער האָט בעדאַרפט מתקן זיין האָט ער שוין מתקן גיוועין . אונ ער איז צוריק אַהיים גיפאָרין צו זיין נעטליכע דינגסט . דיא מענטשין מיט זיין שוועד וויא זייא זענין צוריק אַהיים גיקומין . האָבּין זייא אַנגלעקט וואָס זייא האָבּען גיזעהן אונ נעהערט . דער שוחט איז גיוואָרין אָב גיטוהן פון זיין שטעללע . אונ דער הייליגער רבי ר' מענדעלי איז מפורסם גיוואָרין פאַר אַ בעל מופת אונ אַ בעל רוח"ק דאַמאָלס האָט מען אָהנגעהויבּין צו קומין פאַר איהם יעדער אייגער ביז זיינע בקשות דיא אַלע וואָס האָבּין עפּיס נעהאָט עגמת נפש זענין צו אים גיקומין האָט ער אויף זייא גיבעטין אונ זייא זענין נעהאָלפין גיוואָרין :

---

יא) דער רבי ר"מ האָט אונ זיין יונגער נילערינט אונ דעסבית המדרש

פון ר' דניאל יפה אונ בערלין . (דאָס ביהמ"ד פון ר' דניאל יפה אונ בערלין איז בעקאַנט אויף דער וועלט) ער האָט אַם מיינסטענס נאָר גילערינט דאָס ספר „אלפס" זיין גליסטונג איז נאָר גיוועזן דאָס זיין נשמה זאָל גרויס ווערין . אַמאָהל איז ער גיזעסין אונ האָט זייער פיעל גילערינט ביז זיין צינג איז באַהעפט גיוואָרין צו זיין גימען האָט ער אונ זיין האַ"ץ גיבעטין מיט טרערין ער זאָל אים דערלייכטין זיין פינסטערניש ביז עס איז אויף אים גיפאַלין אַשלאָף דאָט ער גיזעהן דעם רי"ף אונ חלום וואָס ער האָט אים גיוויזין דעם רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק אַז ער זאָל צו אים פאָרין אונ דאָרט וועט ער קומין צו זיין ווילין :

---

יב) דער אָנהייב פון זיין אַרביט איז גיוועזן ער זאָל פאַר ווערין

אוף די פערשייטע מאָדים וואָס יודישע קינדער נייען אַזוי וויא דיא קריסטען ער האָט פיל גיאַרבּיט אויס צו נעמין דיא דערנער פון דיא יודין . א) . דאָרך דעם וואָס עס שטייט אונ דער תורה אַז מען טאָר נישט נייען אונ דיא קריסטליכע גיזעטץ . ב) . מיר יאָלין אויף זיך נישט ברענגין קיין קנאָה מיט פיינטשאַפט פון דיא קריסטין אַלע יודישע שניידער פון רומאַנוב פלעגין נישט אַרויס נייען אונ קיין צירונג

אונ

און אין קיין שיינע קליידער און מארק ארײַן. איין מאהל האט אנביר פון דארט חתונה געמאכט זײַן זוהן און אנרויסע שטאט ארײַן. נאך דער חתונה האט ער אהיים גינימין זײַן זוהן מיט דער שנור צו זיך. זײַן שנור וואס זיא איז גיוועזן פון איין גרויסע שטאט איז זיא ארויס געגאנגין און טײַערע מלבושים זעגין דעם רבינ'ס חסידים זײַער בײַז גיוועזן וואס זיא ברעכט אויף דעם צוים פון זײַער רבי'ן האבין זײַא אהן גירעט די יונגלעך אז זײַ זאלין זי ארום יאגין און די גאסין. וויא איר שווער האט נעהערט וואס עס האט זיך גיטראפין צו זײַן שנור איז ער גלײַך גיגאנגין צום רבי'ן און האט זיך אנגעהויבין צו בײַזערין. וויא איז דאס געהערט גיווארין אז מען זאל אסרין אזא זאך וואס פאדליג דער תורה גיפינין מיר נאך אז עזרא הסופר האט מתקן גיוועזן אז דיא בשמים סוחרים זאלין ארום גײַן און דיא שטעט כדי יודישע טעכטער זאלין זיך אוים צירען. האט אים דער רבי גיענטפערט, דיא האסט נאר גירעדט מיט דײַן שכל. אז איך בין חס וחלילה גוזר אז יודישע טעכטער זאלין פער בױאוסט ווערין. אדרבה זײַא זאלין זיך אוים צירין אזוי וויא עזרא הסופר האט מתקן גיוועזן. דאס איז נאר און דער היים כדי זײַא זאלין גיפינין חן בײַא זײַערע מאנין. אבער און דיא גאסין נאך וואס זאלין זײַא זיך ווײַזין אוים גיצירט? איז זיך דער גביר אהיים גיגאנגין מיט זײַן קאפף אראפ:

האט ער אויך נעהאט אנרויסין שם אזוי וויא ר"א מארקוס שרײַבט אין זײַן ספר מיט דיזען לשון און וואס פאר אנרויסקײַט דער רבי ר' מענדעלי פרימאנוב איז גישטאנין בײַא דיא קריסטען פון זײַן דור האב איך נעהאט אפאר ברײַטונג דאס צו בעווײַזין און דעם יאהר תרמ"ג. ווען איך בין גיוועזן און רימאנוב פאר ראש השנה און דער צײַט וואס דער גרויסער הערר אוקן פון אכציג יאהר מיט זײַן נאמין דאראווסקי. אפוילישער אדמיראל איז גיקומין מיט זײַן זוהן דער לעבבערנער שטאט האלטער אויף דעם קבר פון דעם רבי'ן ר' מענדילי רימאנובער זצ"ל. אלע גרויסע לײַט פון ארים און ארים זענין אים גיקומין ווײַזין זײַן פרײַנדשאפט. האט ער דערצײלט צו דעם הערר פונם פערזאמלונג דער גביר ר' ליבלי חיעץ נאך וואס ער איז אהער גיקומין דיא אורזאכע איז אזוי גיוועזן. ווען דער הערר דאראווסקי איז אלט גיוועזן אכט יאהר איז ער שטארק שלאף גיווארין. זײַן מוטער האט פון זײַנעט וועגין גיברענגט פון ווײַטינס גרויסע דאקטורים. איר מײַנונג איז נאר גיוועזן זיא זאל טציל זײַן איר אײַנציגין זוהן פון טויט. איר סכנתה דיא גיט־בעזיצערין האט זיא אײַנמאל גיטראפין וויא זיא איז גיזעסין און האט געהאלזט איר זוהן און זיא ווײַנט, האט זיא איר אוים גירעט און גיטרײַסט אז און דער שטאט פריסטיק וואהנט דארט ארבי וואס ער טוהט ווינדערליכע זאכין און ער קען איר העלפין. דיא זאך איז גישעהן און א ווינטער נאכט האט מען אײַנגישפאנט דיא קאטש און זענין גיפארין פון נאוויטעליין קײַן פריסטיק דאס איז אכט מײַל וועגס. פינף אזײַנער נאך

יג) נישט דוקא צווישן יודין איז דער רבי ר' מענדעלי גרויס גיוועזן. נאר אפילו צווישן קריסטין

נאָך האַלבע נאַכט איז זיא געקומען צום רבי'ן דאַמאָלס האָט מען ביַיא דעם רבי'ן געבאַקען ברויט פון אָרימע לייַטס וועגען דעם רבינס משרת האָט דאָס מודיע געוועזען דעם רבי'ן האָט ער בעקומען אַנטוואָרט אַז זייַנער גייַן נאָך דעם דאַווענען וועט מען זיא אַריַין לאָזען צום רבי'ן. דער רבי וואָס ער האָט גוט געקענט רעדען פוילישׁ האָט ער זיא געפרעגט נאָכדעם וואָס זיא האָט איהם דערציילט איר בקשה צו גלייבבסט דיא אַז איך בין אַכישוף מאַכער וואָס דיא ביסט צו מיר געקומען? נייַן האָט זיא געענטפערט נאָר וויַיל איר זענט אַזאַ מענטש וואָס דאָרך אייַערע מעשים זענט איר נאָהענט צום אייבערשטען מייַן פון איין אַנדערען און אייַער תפלה ווערט געהערט. אויב עס איז אַזוי וועל איך בעטען פאַר דעם קינד. זיא איז אַרוים געגאַנגען פון דעם חדר דיא טיר איז געוועזען אַביסעל צושפּאַלטען. האָט זיא אַריַין געקוקט איגווייניג און האָט געזעהן וויא דער רבי שטייט און אַווינקעלי און ער האָט געבעטען ביז מיַכער שווייס האָבען באַדעקט זיַין פּנים אַצייַט פון דרייַא שעה בעגאַנד דער נאָך האָט ער זיא געהייסען אַרייַן רופען און זייַן חדר אַרייַן. דער זייגער וואָס האָט געהאָנגען איבער דעם רבינס בעט. האָט אויס געשלאָגען צוועלף. האָט ער צו איר געזאָגט יעצט אַזוי וויא עס קלינגט צוועלף אַזייגער איז דעם קינד בעסער געוואָרען. און אַז ער וועט און גאַנצען געהיילט ווערען זאָלסט דיא מיט איהם קומען צו מיר וועל איך איהם בענטשען זיא האָט זיך אָפּ געזעגענט און איז אַהיים געפאָרען. ווען זיא איז אַריַין געקומען האָט זיא געפרעגט איר דינער אויב דאָס קינד שטייט שוין אויף אַבגעסערען

שטאַנד? האָט ער איר געענטפערט עס האָט זיך נאָר נישט געענדערט נאָר מיט דעם וואָס דאָס קינד איז ביז אַהער געלעגען אָהן אַלעבעדיגען אָטים. און יעצט וויא דער זייגער האָט אויס געשלאָגען צוועלף האָט עס זיך געהייסען געבען איין ביסעל וואַסער עס איז פערבייַא געגאַנגען נאָך עטליכע וואָכען. האָט דאַראַווסקי ווייטער דערציילט. בין איך געזונד געוואָרען און האָב מקבל געוועזען דעם רבי'נס ברכה און ער האָט מיך געהייסען איך זאָל זיַין גוט פון יודינס וועגען איך האָב געהיטען זייַן געבעט דעריבער וויל איך אויף מיַין עלטער זייַן אויף דעם רבי'נס קבר מען דערציילט אַז בשעת ער איז דאָרט געוועזען האָט ער זיך גוט אויס געוויינט. און ער האָט אויף דעם קבר אַנידער געלייגט אַפוילישׁ קוויטיל. דער נאָך האָט מען נאָך געזיכט דאָס קוויטיל און מען האָט עס איבער געזעצט איז אַזוי געשטאַנען געשריבען. „איר נשמות בעט דיא נביאים אַברהם יצחק ויעקב פאַר דעם נפש פון דעם געשטאָרבענעם מענדיל טאָרים און דיא אויך מענדיל אויב דיא ביסט שוין פאַר דעם אייבירשטין זאָלסט דיא בעטין רחמים פאַר דיא פעלקער וואָס ריען און דער פינסטערניש דאָס יודישע פאָלק און דאָס פוילישע פאָלק. בעט רחמים פאַר מיר. פאַר מייַנע קינדער און אייניקלעך מיעציסלאָב בן וויקטאָריא" ביז אַהער:

*) אויף דער עלטער פון דעם רבי'ן ר"מ האָט דער רבי מתקן געוועזען גרויסע תקנות און ער האָט געבעטען זייַנע חסידים אַז זייַא זאָלין דיא הנהגות אָפּהיטין דאָס אַלס איז פערשריבען

פערשריבען גיווארין און דעם בוך פון דער חברה „ביקור חולים" מיט דעם לשון. ביום כ"ז ניסן שנת תקעי"ה לפ"ק האט ר' מענדעלי ייבעטין דעם רבי'ן פון ראפשיץ ער זאל מאכין איין אסיפה. וויא עס האבין זיך איינגיזאמילט אלע גרויסע לייט האט זיך דער ראפשיצער אהן גירופין און האט גיזאגט דער הייליגער רבי ר"מ האט מיך געהייסין איך זאל אייך ווארינין איר זאלט אויף אייך נעמין זיינע תקנות וואס זענין וויטער אויף גיצייכינט. וועט עס אים זיין צו א דער קוויקינג האבין זייא אלע גיענטפערט מיר וועלין טוהן. דאס זענין דיא תקנות. א) דוא ווייבער זאלין נישט גיין און קיין שטערין טיכלעך און קיין גרונד. אויך זאלין זייא נישט אהן טוהן קיין שום קלייד אפילו שיך פון איין נייע מאדע. אויך זאלין זייא גיין און דיא שלייערס. אזוי וויא זייערע מאמים זענין גיגאנגין און זאלין נישט טראגין אויף זייער קאפף קיין טיכיל און איבעלבע שיך וואס מען ריפט זייא סאנדלקעס. ב) דיא מיידליך זאלין נישט גיין און קיין צעפף אויך מיט קיין קרייגדליך און נישט קיין דייטשישע העמדלעך. ג) קיין ווייבער און קיין מיידלעך זאלין שבת און יום טוב נישט זיצין אויף דער גאס און זייא זאלין נישט גיין שפאצירין אינטער דער שטאט אבל שכן מיט מאנזביל. ד) ווייבער זאלין נישט גיין און נישט פאהרין אהן א היטער. און דיא ווייבער וואס גייען מעלקין דיא קיא אהן אהיטער זאל מען דיזע מילעך אסר'ין. ה) א שנידער וואס וועט נייען אקלייד מיט אנייע מאדע זאל מען אים דאס ערשטע מאהל קנסינין. און דאס אנדערע מאהל זאל מען אים מאכין אויס שנידער. ו) עס זאל זיין גיזעצטע איבער דיא גיוועכטין און מאסין זייא זאלין זיין וויא דער דין תורה איז. ז) זייא זאלין אכטינג געבין אז עס זאל נישט פער בייא גיין איין טאג מען זאל נישט דאווינין און שוהל. ח) אויך זאלין זייא אכטינג געבין עס זאל נישט זיין קיין חילול שבת. בפרט אכטינג צו געבין אויף דיא שענקירס זייא זאלין האלטין קריסטין אים שבת און יו"ט. ט) אכטינג צו געבין אויף ארימע לייט בני תורה און מען זאל שטארקין דיא תלמיד תורה פון ארימע לייט ווענין. י) צו ווארינען דיא שנידערים בשעת זייא נייען א ארבע כנפות זאל ער גרייבין ביז צוא דיא קניען. יא) דיא מאנזביל זאלין נישט גיין און קיין קאלנערס נאר מיט אקרייז אזוי ווי פערצייטינס אויך נישט און קיין מלבוש פון אנייע מארע. יב) דיא חברה קדישא זאלין שטענדיג מאכין אקלפי צווישין ר"ה און יוכ"פ און מען זאל תיכף מאכין גבאים אהן אשום פערזאמינג. יג) זייא זאלין נישט גיין און דיא קריסטליכע גריכטען ארויין ווייל דאדך דעם שטארקט זיך דאס שלעכטין פון דיא קריסטין און זייא גיבין ארויין אכח און דער קליפה היער עס וועט מקיים זיין דיזע דרייצין מדות וועט ער גיבענטשט ווערין מיט אלע ברכות וואס שטייען און דער תורה און מיר וועלין זוכה זיין דער גואל צדק זאל נעך קימטען אמן. אחוץ דיא דאזיגע תקנות האט ער איינגעפירט און זיין שטאט פיל זאכין אלס עס זאל אפהיטין דיא תורה דאס פאלק זאל נישט זיין פערשייט. אלטע לייט דערציילין אז און זיינע צייטין

צייטין האבין קיין כלי זמר נישט גישפילט אויף דיא חתונות אונ אלע זיינע תקנות האט דיא שטאט מקיים גיוועזען ווייל עס איז אויף זייא גיפאלין זיין פחד.

---

טו) אמאהל זענין דיא גיזעצטע פון דער מלוכה גיקומען קיין רימאנוב אויס ציקלויבען דארט סאנאזינען צו בעהאלטין דארט עסין פון דיא זעלנערס וועגין. נאך זייער גאנצין זיכען אונ בעטוהין האבין זיי נישט גיפונין אזא ארט דער צו נאר דיא שוהל. האבין זייא צווישין זיך גיקאנטשיט אז מען זאל דיא שוהל מאכין פאר אמאנאזין זענין דיא בעלי בתים מיט דיא ראש הקהילה גיקומען צום רבי'ן מיט א שרעקעניש אונ האבין אים דערציילט דיא גאנצע געשיכטע עס איז נישט דא דער ציא קיין שום עצה זייא זאלין נישט קענין אוים פירין וואס זייא האבין גיוואלט טוהן. נאר האט איינער פון זייא גיענטפערט. נאך איין פינק פון האפינונג לייכט זיך פאר זייא. ווארין דיא שינדלין פון דעם דאך זענין ציבראכין אונ עס רעגינט אריין אונ ביהמ"ד. דעריבער איז נאך פערהאנדין א האפענונג ווייל דער רעגין וועט זייא ארויס טרייבען פון שטיב וועלין זייא פון דארט מיזין ארויס נעמין זייערע כלים. וויא דער רבי האט געהערט דיא דאזינע רייד האט ער גיזאגט אויב עס איז אזוי. דארפין מיר אויף זיך גירעכט מאכין דעם דין וואס עס איז נגזר גיווארין אויף דעם הייליגין הויז מען זאל עס מאכין פאר א מאנאזין ווייל איר האלט עס נישט ערליך. אונ דארך אייער פולהייט איז דער דאך ציבראכין גיווארין. דעריבער זאלט איר זעהן צו טוהן אונ נאך היינט זאל מען אנהייבין אללעס צו פערריכטין. אז דער רבי האט גירעט ווער זאל נישט מקיים זיין. נאך דעם טאג האבין זייא פער רעכט דעם דאך אונ גישטארקט דיא שפאלטין פון דאמאלט אהן וואס זייא האבין פער רעכט זענין שוין דיא גיזעצטע מער נישט גיקומען וועגין דעם מאנאזין. דער נאך איז מען גיוואר גיווארין אז זייא האבין זיך אב געקליבען סאנאזינין אונ דער שטאט רוקלא.

---

טז) אויף אלע זאבין פון דער שטאט אונ פון דיא חברות גומלי חסד האט ער אכטונג גינעבין זייא זאלין זיך פירין ארינטליך. א מאהל האבין זיך דיא גבאים פון דער חברה קדישא פערשילדיגט וואס דארך דעם וואס דיא יורשים האבין נישט גיוואלט געבין די חברה וויפיל זיי האבין גיוואלט האט מען גילאזט איבער נעכטיגען דעם טויטין. וויא דער רבי איז דאס גיוואר גיווארין האט ער זייא גישאלטין אז ווען זייא וועלין שטארבין זאלין זייא נישט קומען צו קבר ישראל ביז נאך דרייא טאג. אונ זייא זאלין נישט בעגראבען ווערין מיט זייערע עלטערין אונ רימאנוב עס איז אזוי גיוועזען. אונ איינער פון דיא נבאים איז אויף דער עלטער גיפארין אב לעבין דיא רעשט יאהרין צו זיין איידים אונ זיין טאכטער קיין איננארין אונ פאר זיין טויט האט ער גילאזט צוואה אז מען זאל אים פירין צו זיינע עלטערינס קבר קיין רימאנוב וויא ער איז גישטארבין דאבין זיינע

זוהן

זיהן מקיים גיוועזן זיין צוואה אונ האבין גיפירט זיין קערפער אוף א וואגין מיט אקסין קיין רומינוב. ווייא דיא אקסין זענין גיקומען אויף דעם וועג וואס ער גייט קיין רימינוב האבין זייא זיך נישט אוועק גירירט פון זייער ארט האבין זייא גימוזט אום דרייען צוריק צו זייער ארט אונ ער איז בעגראבין גיווארין אונ אינגארין, אייניער פון דיא נבאים איז גישטארבין אונ רימינוב אום וויטער דאס איז גיוועזן פרייטעג. האט מען אים נישט גיוואנזיט ציברענגין צום קבר פאר שבת איז ער גילעגין ביז זונטאג אום זונטאג ווייא זייא זענין גיגאנגין אום האקין א קבר אבער ווייא פערוואונדערט זענין גיבליבין דיא בעגרעבערס אויף דער פארכטיגער זאך וואס זייא האבין גיזעהן אז נאך דעם וואס זייא האבין גיגראבין וויפיל שעה אונ דאס ליים וואס זייא האבין ארויס ארויס גינימין פון קבר איז נאך גיוועזן אבארג ערד ווייא אמענטש הויך. אונ דאס קבר איז נאך גיוועזן פיל גלייך ווייא מען וואלט עס נאך גאר נישט אנגעהויבין צו רירין אונ דיא מענטשין וואס האבען בעלייט דעם טויטין האבין דאס גיזעהן זענין זייא זייער דערשראקין גיווארין. א אלטער מאן וואס ער האט גיזעהן דיא מעשה האט ער זיך דער מאנט פון דער קללה וואס דער רבי ר' מענדעלי האט אים גישאלטין ווען ער איז גיוועזן גבאי פון דער חברה קדישא אונ דער רבי ר"מ איז שוין נישט גיוועזן אויף דער וועלט דאמאלס איז זיין תלמיד ר' הערש הכהן זצ"ל גיזעסין אויף זיין שטוהל. זענין זייא צו אים גיקומין אונ האבין אים דער צייהלט די גאנצע מעשה. האט ער זייא גיגעבין זיין שטעקין. אונ האט געהייסין מען זאל אים אנידער לייגין אויף דעם קבר פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי אונ זייא זאלין אים בעטין מיט דיזען לשון אז דער ר' הערש זיין תלמיד האט נישט קיין כח אליין צו קומין אויף זיין קבר דערפאר בעט ער אים ער זאל רחמנות האבין אויף דיא לעבעדיגע וואס זענין גיקומין גומל חסד זיין מיט דעם טויטין. אונ זייא האבין שוין אזוי לאנג גיארבייט אונ עס איז שוין נישט מעגליך צו פירין דעם טויטין אויף א אנדער ארט זאל ער מוחל זיין דעם טויטין. אונ זאל פון אים אפטוהן זיין קללה האבין זייא גיטוהן אזוי ווייא ער האט זייא גיבאטין. עס איז נישט פערבייא גיגאנגין קיין האלבע שעה. איז שוין פון לאנג גיוועזן גיקאנטשיט דאס קבר. אונ אייניער פון דיא דרייא גבאים איז גיפאהרין אויף זיין עלטער קיין ארץ ישראל תוב"ב:

〰〰〰

יז) עס איז דעם רבי'ן ר' מענדעלי זייער נישט גיפעלין דיא מעשיות פון דער חברה קדישא וואס זייא הייסין זיך געבין פיל געלט פאר דער קבורות אונ נאך פיל זאכין וואס עס זענין אים נישט גיפעלין פון דער חברה קדישא. נאר ער האט זייא נאר נישט גיקענט ווערין. נאר איינמאהל האט ער אויף זייא גיזאגט ווען נישט וואס מען מאר נישט נאך קלערין אויף השי"ת. אונ ווען נישט דיא מורא פון דער חברה קדישא. וואס באלד קנסינין זייא אונ שטראפין דעם וואס פרעגט נאך אויף זייא וואלט ער גיפרעגט צום אייבערשטין נאך וואס ער האט בעשאפין דיא חברה קדישא אויף דער וועלט:

---

דער

יח) דער רבי ר' מענדילי פלעגט אום שיקען אלע ערב ראש חודש

אונ דיא גיוועלבער ארוין אכטינג צו געבין אויף דיא מאסין מיט דיא וואגין זייא זאלין זיין ווייא דער דין תורה איז האט זיך גיטראפין דאס אמאהל האט ער גישיקט זיין משרת דעם רבי'ן ר' הערש הכהן מיט נאך איינים אכטינג צו געבין אויף דיא וואגין מיט דיא מאסין. האבין זייא גיפינין ביא איין עושר אונ אגיוועלב וואס דער עושר איז גיוועין אלמדן. איין גיטייני מאס. האבין ווייא אים דערויף גישטראפט ענטפערט ער זייא אז מען מעסט נישט מיט גייר. האט צו אים דער רבי ר' הערש גיזאגט דען דין איז דאך אז אפילו מען מאכט עס פאר אבלי פון שתנה טאר מען עס אוך נישט האלטין אונ שטוב האט זיא ר"ה אנידער גילייגט אינטער זיין פיס אונ האט זיא צוטרעטין. האט דער עושר גיזאגט מיט עזות אויב ר' הערש קען שוין אויך פסקינין אדין תורה? זענין זייא זיך אהיים גיגאנגין. ווייא זייא זענין ארוין גיגאנגין צו ר' מענדעלין האט ער גיפרעגט זיין משמש ר' צבי הערש הכהן ווענין דיא געוועכטין אויב זייא זענין גוט האט ער אים גיענטפערט עס איז אלעס אונ ארדענונג ווייל דארך זיין צדקות האט ער נישט גיוואלט דערצייליין פון דעם גביר וואס ער האט אים פארשעמט. כדי דער עושר זאל נישט גישטראפט ווערין דארך דעם רבי'נס בייזקייט אבער דער נאך וויא דער רבי האט גיפרעגט דעם צווייטין וויא אזוי זייא האבין גיפינין דיא וואגין, האט ער אים דערציילט דיא גאנצע געשיכטע האט דער רבי באלד גישיקט דעם משמש ער זאל קלאפין אונ שוהל אז ער וועט זאגין א דרשה אונ שוהל. אונ ער האט אים גיבאטין אז אויף דעם קרעמער'ס טיר זאל ער נישט קלאפין מיט זיין האמטער. האט זיך דאס גאנצע קהל פערזאמילט אונ ער האט זייא גידרשינט ווענין גיוועכטין אונ מאכין. דער קרעמער איז זייער דערשראקין גיווארין וויא ער האט געהערט אזא גאנצער שטארים איז ער גיקומען אונ שוהל ארוין אונ האט אוים גיטוהן זיינע שיך צו נעמין שאנדע דערויף. ער האט גיבעטין דעם רבי'ן ער זאל אים מוחל זיין אויף זיין זינד האט אים דער רבי גיזאגט אז ער וועט אים מוחל זיין גאר אויף דעם תנאי ער זאל אים געבין פיפציג רענדליך. נאך האט ער אים גיזאגט. דיא האסט גיזאגט אז מיין ר' הערש קען נישט לערנין. ווער ווייסט אויב דיין ראש ישיבה פון הימיל קען אפי' ניט לערנין וויא ער אונ דער ר' הערש איידער דער קרעמער איז גיקומען נעמין אויך זיך א שאנד האבין זיך זיינע ליפין גישאקילט. האט מען אים גיפרעגט נאך וואס? האט ער גיענטפערט אז ער בעט אז דער קרעמער זאל נישט גישטראפט ווערין איידער ער וועט קומען איבער בעטין דעם רבי'ן ר' מענדעלי:

---

יט) אמאהל איז דער רבי ר"מ גיגאנגין אונ מקוה ארוין

אונ ער האט גימיינט אהיים גיין אום גיטובלת ווייל דיא רעהרין זענין קאליע גיווארין איז נישט גיוועין קיין וואסער. האט דער רבי גיזאגט היינט האב איך גיהאט א מקוה מיט אלע כוונות. ווייל אלע צייטין וואס איך גייא אונ מקוה ארוין איז קיין

שום

שוּם מענטש נישט בכח מכוין צו זיין אַלע כונות . אָבער היינט בין איך אונ כלל פון דעם וואָס קלערט צו טוהן אַ מצוה אונ עס טרעפט זיך דאָס ער קען זיא בשום אופן נישט טוהן ברענגט דאָך דער פסוק אויף איהם אויף גלייך וויא ער האָט זיא זיא גיטוהן אונ דער פסוק ווייסט דאָך אַלע כונות :

---

כ) עס האָט זיך אַמאָהל גימאַכט אַז אום פרייטאָג וואָס דיא שאָטינגס פון דער נאַכט האָבין שוין אָהן געהויבין צו ציפאַלין אונ עס איז ביא דעם רבי'ן נאָך נישט גיוועזן קיין פיש אויף שבת האָט דער רבי געהייסין זיין משמש ר' הירש ער זאָל צו שטעלין צום פייער דיא פאַן מיט אַלע זאַכין וואָס עס געהערט דער צוא אונ ביא יעדער מאָהל זאָל ער זאָגין לכבוד שבת האָט ער אַזוי גיטוהן . אונ אַזוי וויא ער האָט זיך דער מיט גיפאָרט איז גיקומען אַ מענטש פון וויים צום רבי'ן . אונ האָט מיט גיברענגט פאַר אַ מתנה פיש לכבוד שבת איז דאָס ביא זיין בני בית גיוועזן אַ וואונדער . שבת אונ דער פריא האָט דער רבי צו זייא גיזאָגט איר זאָלט ווייסין אַז מיט דעם הייליגקייט פון שבת גידערט אַראָפּ אַ שפע פון היכל אונ דער מענטש וואָס וויל מקבל זיין דיא שפע מיז ער ברענגין דעם ווילין פון השי"ת דארך ריד אונ ער זאָל זאָגין לכבוד שבת נידערט שוין דיא שפע ממילא אַראָפּ פון אויבין דעריבער דאַרפט איר אייך נישט נע וואונדערין אויף דעם וואָס איך בין אַזוי גיוועזן

פערזיכערט אַז איך וועל האָבין פיש לכבוד שבת :

---

כא) אַמאָהל האָט זיך איינער פערקלאָגט פאַר דעם רבי'ן ר' מענדעלי אַז ער קען נישט מקיים זיין דיא מצוה פון הכנסת אורחים וייל זיין וייב פערגינט זייא נישט אונ אויב ער וועט צו זיך אריין נעמין אורחים וועט ער ברענגין אַ פערטימליגג אונ אַקריג אונ זיין הויז אריין . האָט איהם דער רבי גיזאָגט . דיא חכמים האָבין גיזאָגט אַז דיא מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער פון מקבל פנים זיין דיא שכינה . איז דאָך אַ קשיא איז דען נישט גיניג מען זאָל גרוים מאַכין דיא מצוה אונ מען זאָל זאָגין אַז הכנסות אורחים איז גרוים גלייך וויא מען איז מקבל פנים דיא שכינה ! נאָר דיזע זאַך קענין מיר פערשטיין דאָרך דיא ווערטער וואָס דיא חכמים האָבין גיזאָגט . „אַז אַמאַן מיט אוייב זענין בשלום רוהט דיא שכינה צווישין זייא" דאָס איז וייל אונ דעם וואָרט „איש" איז פער האַנדין אַיוד אונ דער שין אונ אין דעם וואָרט „אשה" איז פער האַנדין אַ ה"א איז דאָס אַהאַייבער שם פון דעם אייבירשטין . אָבער אַז עס איז צווישין זייא מחלוקת נעמט השי"ת אַוועק פון זייא זיין נאָמין דהיינו דיא לעצטע ה"א פון „אשה" אונ דיא מיטעלע יו"ד פון „איש" בלייבט איבער אש אונ אש . איבער דעם ווען דיא חכמים זאָלין גיוועזן זאָגין אַז הכנסת אורחים איז אַזוי גרוים וויא מקבל פנים זיין דיא שכינה וואָלט קיין שום מענטש נישט מקיים גיוועזן דיזע מצוה . וויל איין אשה פערגינט נישט

דיא

זיא אורחים אונ אז ער וועט אריין
נעמין צו זיך אורחים . וועט זיא אהן
זאבין אקריג אונ שטיב . וועט דאך
דיא שכינה פון זייא ווערין אב נעטוהן
וואס זשע וועט ער פערדינין מיט
דער מצוה פון הכנסת אורחים וואס
עס איז נאר גלייך וויא מען איז מקבל
פנים דיא שכינה . אז דארך דעם וועט
דער שלום צישטערט ווערין אונ דיא
שכינה וועט ווערין אבגעטוהן. דעריבער
האבין דיא חכמים ז"ל גיזאגט אז דיא
מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער
פון מקבל פנים זיין דיא שכינה . איז
האטש דארך דעם וועט זיא אהן
מאכין אקריג אונ שטיב פון דעסט
וועגין זאל ער נישט מבטל זיין פון
דער מצוה ווייל זיא איז גרעסער פון
מקבל פנים זיין דיא שכינה :

כב) דער רבי ר"מ האט אמאהל גיזאגט
צו ר' שלום מיאדאוויקער
מיא ניט אכטינג אויף דיא ארימע
לייט וואס גייען ארים אונ די דערפער
מיט זייערע קויבערס . זאלסט
זייא געבין צו עסין אונ צו טרינקין,
האטש זייא זענין נישט קיין לומדים
נאר זאלסט אבער וויסין אז אונ דער
צייט וואס דער ארימאן לויפט ארים
אגאנצע טאג געפינין זיין פרנסה אונ
בעמוהט זיך אז ער קומט צו דיר
אוז איידער ער זעצט זיך עסין זיין
גימיינע נאכט עסין שטעלט ער זיך
אנידער אונ אווינקעלע דאווינין מנחה
אונ מעריב טוען דאמאלס צוטערין
בראשעדיגע מלאכים פאר זיין גיבעט
וואס עס עפאלט אלע הימלין :

בג) דער רבי ר"מ האט זייער גיוואריגט

מען זאל לערנין דינים מיט
תוספות אונ דער בבא גיט אכטינג
נעבין . אמאהל האט איהם דער רבי
פון לובלין גיפרעגט אויב ער האט
חסידים האט ער גיענטפערט מיר
האבין ב"ה חסידים . אונ מיט וואס
זענין זייא חסידים ? אינזערע חסידים
ענטפערט ר' מענדעלי זייא לערנין
שטענדיג נאר הלכות אונ תוספות .
אויב עס איז אזוי ענטפערט דער
לובלינער זענין זייא אמת'דיגע חסידים:

כד) דער רבי ר"מ איז נעהייליגט
גיווארין מיט נאר אשטארק
הייליגקייט אונ ער האט זוכה גיוועזן
צו אהויכע אונ אווינדערליכע מדריגה
צו זעהן ווינדערליכע זאכין וואס מיען
זיך אונ היטטיל . אונ צו הערין
אזעלכע זאכין וואס קיין מענטשליך
אויער קאן נייט הערין אויך צו רוח
הקדש וועלין מיר יעצט דערציילין
אביסיל פון דיא אלע זאכין וואס
מיר האבין מענטשין דערציילט אונ
גיזעהן אונ ספרים :

כה) עס זענין צו ר"ם אמאהל גיקומין
צוויא חסידים פון דעם
אלוקער רבי'ן ז"ל אונ פרייטאג צוא
נאכט . האבין זייא בייא זיך אונ
הארץ גיקלערט אז דער צדיק ר'
מענדעלי דאווינט נישט מיט אזא
לזטערקייט וויא זייער רבי . מיט דער
מחשבה האבין זייא דעם צדיק גיביסין
וויא א שלאנג . נאכדעם דאווינין
האט ער גיזאגט צו זיין משמש ר'
הערש הכהן אז ער זאל זאגין צו
דיא צוויא חסידים זאלין זיך שוין
נישט ווייזין אונ ביהמ"ד . זענין זייא

גיגאנגען

...נגאנגין און זייער סטאנציע ארײַן ווינטאג און דער פריא זענין זיא ניקומען מיט אניוויין פרעגין וואס דאס איז. ווייל זיא אליין ווייסין נישט דיא סכנה דערפין. ביז ער האט זיא ניזאגט זייער שלעכטע מחשבה. זיא זענין נישט ארויס ניגאנגין פון דארט ריין ווארין עס איז אויף זיא נישיקט ניווארין א גרינד דיא וואס עס איז שווער דערפין געהיילט צו ווערין:

~~~~~~~~

כו) אין דער צייט פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי זענין ניקומען יודישע נשמות פון יענער וועלט און האבין זיך פאר אים פערקלאגט. אז דער גביר פון זלאטשוב איז און הימטיל ראש בית דין איז ער זייער מחמיר אויף דער עבירה פון קרי ר"ל. ווייל ער איז פון אייביג אויף גיווען הייליג ער האט קיין מאל נישט גיפילט דעם טעם פון דער עבירה. האבין זייערע בקשות גיפועלט אז עס איז גיזעצט גיווארין איין אנדערער אויף זיין ארט זענין זיא צוריק ניקומען צום רבי'ן ר' מענדעלי דאנקין אים ווייל מען האט פון זיא פערגרינגערט ווארין דיא זינד איז פאדליג דעם דור. דאס איז וואס מיר בעטין און דעם דאווינין „אל תזכר לנו עונות ראשונים" דיא זאלסט אינז נישט גידענקין דיא זינד פון דיא ערשטע. דאס וואס עס האט פערצייטינס נעהייסין א עברה. ווייל זיא זענין גיוועזין גרויסע צדיקים איז עס פאדליג זיא גיווען א עברה. אבער מיר זענין זייער פערהידדינט היינט עס קיינען אינז נישט אזא עבירה:

~~~~~~~~

כז) עס איז אמאהל ניקומען פאר דעם רבי'ן ר"מ איינער וואס ער האט זיך גילערינט זיין שוחט. האט ער אים ניבעטין ער זאל אים געבין א קבלה דאמאלס האט אים דער רבי ניגעבין אוויש מיט זיין האנד איבער דיא אויגין און זאגט צו אים קיק נאר ארויס אויף דעם בוים וואס ער שטייט אקיינין דעם פענסטער. האט ער גיזעהן אהן אשיעור נשמות אויף דעם בוים זאגט צו אים דער רבי זאלסט ווויסין אז דיא אלע נשמות זענין נשמות פון דיא שוחטים וואס זענין ניקומען צו מיר איך זאל זיא מתקן זיין האט דער מענטש שוין נישט גיוואלט זיין קיין שוחט. און אמאהל האט ער גישיקט צוא צוויא פון זיינע קרובים אז זיא זאלין זיך אוים ציען פון ריטינוב. זענין זיא זייער דער שראקין גיווארין און זענין ניקומען פרעגין וואס דאס איז און פאר וואס עס איז אויף זיא נגזר ניווארין אזא גזרה. האט ער זיא גיזאגט אז זייערע קינדער ווען זיא גייען ארויס פון חדר ווארפין זיא שטיינער אויף דעם בוים וואס ער שטייט און זיין הויף אראפ צו ווארפין זיינע פירות דארך דעם האט ער נישט קיין מנוחה פון דיא נשמות וואס קומען זיך פאר אים זשאליוועין אויף דיא קינדער. וויא זיא האבין דאס נעהערט זענין זיא דער שראקין ניווארין און האבין אים ניבעטין ער זאל מסכים זיין זיא זאלין איבער בלייבין אויף זייער ארט וועלין זיא שוין פון היינט אהן אפ היטין זייערע קינדער ווען זיא וועלין ארײַן און ארויס נייען פון זייער הויף האט ער דער צוא מסכים גיווען:

~~~~~~~~
~~~~~~~~

כח) אמאהל האט מען דערציילט פאר זיין תלמיד ר' הערש הכהן אז איינער פון זיינע חסידים איז נישט געוועזן אונ ביהמ"ד ווען מען האט געזאגט דיא סליחות צו זכור ברית וויל ער האט זיך פערשלאפין האט אים דער רבי נעהמין ריפין אונ ער האט צו אים געזאגט זאלסט וויסין אז מיין הייליגער רבי ז"ל ווען ער האט געזאגט אונ דיא סליחות פון ערב ראש השנה דעם פסוק „אם אמנם טבו כלם בלב ונפש לחלותך" האט ער אונ דער מיט אויף געהערט אונ זיך אביסיל אבגערוהט ביז ער האט ווייטער געזאגט „נא כל מדה נכונה וכו'" איז דאס געוועזן אווינדער בייא דיא אלע וואס האבין דארט גידאווינט איז אונ דער צייט דארט געוועזן ר' נפתלי ראפשיצער אונ דער רבי ר' צבי אלימלך פון דינוב זכרונם לברכה האבין זייא דיא זאך אנטדעקט אז גישט אזוי ווייא פיל מענטשין מיינין אז ער האט דאמאלס מכוון געוועזן צו הייליגע שמות נאר ער איז פון דארט נישט אוועק גיגאנגין ביז ער האט אונ יעדינם הארץ אריין גיבראכט ער זאל טוהן תשובה מיט זיין גאנצין הארץ יעצט זאלסט דיא וויסין דאס וואס דיא האסט היזק נעהאט מיט דעם וואס דיא ביסט נישט געוועזן בשעת איך האב געזאגט דיא סליחות וויל איך בין דאמאלס אויך געוועזן איינער פון דיא וואס האבין גידאווינט מיט מיין רבי'ן זצ"ל:

---

כט) ווען דער רבי ר"ם איז אמאהל געוועזן אין לובלין בייא דעם רבי'ן פאר זיין פטירה האט דער רבי ר' מענדעלי דערציילט דעם לובלינער וואס עס איז אויף אים פערבייא געגאנגען ראש השנה פון דעם יאהר. אז ער איז געוועזן אויף יענער וועלט האט ער געזעהן אז דער שטן האט גיבראכט אהן גילאדענע וועגין מיט עבירות וואס דיא יודין האבין גיטוהן אגאנצען זימער. האט ער גיזעהן אז דיא יודין וועלין ח"ו נישט קענין קיין קיום האבין. האט ער גיטוהן מיט קלוג שאפט אונ האט כורת ברית געוועזן מיט דעם שטן ער האט זיך גיוויזין אזוי ווייא זיינם א ליב האבער. אז ער וויל אויך זעהן שלעכט אויף דיא יודין ח"ו. אונ ער האט אים געזאגט ער זאל גיין ברענגין נאך עבירות. דער שטן האט אים געהארכט אונ ער האט בייא אים בעהאלטין דיא וועגין אונ ער איז גיגאנגין נאך ברענגין וויא דער שטן איז אוועק גיגאנגין. האט ר' מענדעלי גינומין דיא וועגין אונ האט זייא אראפ גינידערט אונ דער טיפעניש פון תהום אז מען זאל זייא שוין קיין מאהל נישט אויף ברענגין דער נאך וויא דער שטן איז צוריק גיקומין אונ ער האט נישט געהאט נאר קליינע עבירות וואס זענין בייא אים געוועזן איין געבינדין וויא ער קוקט זיך ארים זעהט ער אז דיא וועגין זענין נישט דא. האט ער גימאכט שפארמין אלע הימלין מען זאל אים זאגין ווער עס האט צוא גיגנבית דיא וועגין אבער עס האט קיינער נישט גיענטפערט דער נאך האט ער זיך גיקערט צו דעם וואס ער האט בייא אים גיגעבין צו בעהאלטין אז נאר ער האט זייא גיגנבית ריפט ער אים לדין האט מען אים גיפסקינט בייא דעם בית דין של מעלה אז ער האט נישט צו בעצאהלין זאל מען אים פערקויפין פאר זיין גניבה האט מען תיכף אים גירופין

געריפן ווער עס וויל קויפן ר' מענדעלין פאַר אַקנעכט שרייַט דוד המלך מיט אַקול איך וועל קויפן ר' מענדעלין פאַר אַקנעכט. דאַמאָלס האָבן דיא יודין גיוויגען בייַא דעם דין און מיט דעם האָט ר"מ ווייַטער דער ציילט האָב איך איינגיטייַטשט וואָס עס שטייַט און פיוט „לקונה עבדיו בדין" השי"ת קויפט זייַנע קנעכט ווען מען משפט דיא יודין כדי „לרחם עמו ביום דין" ער זאָל זיך דערבאַרמען איבער זייַן פאָלק בייַא דעם דין נאָכדעם וויא ר"ם איז זיך אַוועק גיפאָ"ין זייַן וועג האָט דער ליבלינער דאָס דערציילט פאַר זייַנע חסידים:

ל) דער רבי ר"ם האָט גיבענטשט אַ מענטש ער זאָל זייַן אַ עושר איז ער גיוואָרין איין שטאַרקער עושר האָט אים גיפרעגט דער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ נאָך וואָס איין מענטש זאָל האָבן אַזאַ גרויס עשירות האָט אים ר"ם גיענטפערט איך האָב אים גיבענטשט מיט עשירות און ער איז אַגרויסער בעל צדקה און דאָס וואָרט „ונתנו" מאַכט פערקעהרט אויך „ונתנו" דעריבער אַזוי וויא ער איז אַגרויסער נדבן אָהן אַגרעניץ אַזוי גיט מען אים פון הימיל אויך אָהן אַ שיעור

לא) צום רבי'ן ר' מענדעלי האָט מען אַמאָהל גיברענגט אַ שלאָפין וואָס ער איז גיווען און אַסכנה וואָס ער האָט גישט גיקענט משתין זייַן אַלאַנגע צייַט און דיא דאָקטורים האָבן שוין גיטוהן וואָס זייַא האָבן גאָר גיקענט און עס האָט אים גאָר גישט גיפּועלט איז דער שלאָפער גיווען זייער מסוכן און אויך איז זייַן נוף גיווען גישוואָלין. וויא מען האָט אים אַנידער גילייגט און דעם רבי'נס חדר האָט דער רבי אויף גיעפינט זייַן הייליג מויל און האָט גיזאָגט „רבש"ע מיר האָבן שוין לאַנג גיזעהן זייַן שטאַרקייט בייַא דעם מענטש וואָס ער איז אַזוי שטאַרק שלאָף פון דעסט וועגין טיסט דיא נאָך און אים שטאַרקין זייַן לעבין כדי ער זאָל נאָך לייַדין דיזע גרויסע יסורים. זאָלסטו אונז יעצט ווייַזין דייַן חסד און טיא פון אונז אָפּ אַלערלייַא ווייַטאָג" תיכף וויא ער האָט אויף געהערט צו רעדין זענין גיעפינט גיוואָרין דעם מענטש'ס קוואַלין און עס זענין אַרויס גיגאַנגין אַלע זייַנע וואַסערין ביז ער איז גיוואָרין גיזינד גלייַך וויא יעדער מענטש:

לב) איינער פון ר' מענדעלים גרויסע חסידים איז אַמאָהל שלאָף גיוואָרין וואָס עס האָט זיך אים גימאַכט אַ מכה און זייַן האַלז און אַלע רופאים האָבן גיזאָגט אַז ער וועט שוין נישט לעבין עס איז פערבייַא גיגאַנגין עטליכע טעג איז ער גיוואָרין אַגוסס און דיא חברה קדישא זענין שוין פון לאַנג גישטאַנין אַרים זייַן בעט. האָט זיך דער שלאָפער פליצלינג דער וועקט און האָט גישריגען מאַכט איין אָרט פון ר' מענדעלים ווענין דיא אַלע וואָס זענין דאָרט גישטאַנין האָבן גימיינט אַז ער איז נישט בייַא זייַן גאַנצין שכל ער האָט אָבער אַזוי גישריגען צווייַא אָדער דרייַא מאָל איר זעהט דאָך אַז דער רבי איזט דאָ פערהאַנדין ער

ער וועט מאכין איין אפעראציע אונ
אזוי וויא ער האט גירעט איז פון
אים ארוים פיל בלוט וויל דיא
מכה איז גיעפינט גיווארין איז ער
געהיילט גיווארין פון זיין קרענק

לג) דער גאון ר' משה ט"ב מחבר
פון דעם ספר ישמח משה
האט גישיקט דיא מענטשין וואס זענין
צוא אים גיקומען ער זאל פאר זייא
בעטין צום רבי'ן ר' מענדעלי קיין
רימינוב איין מאהל האט ער גישיקט
צום רבי'ן א שלאפין וואס ער איז
גיווען מסוכן ר"ל. אונ דער שלאפער
האט דערציילט דעם רבי'ן אז דער
רב פון דער שטאט אוהל האט אים
אהער גישיקט האט אים ר' מענדעלי
גיענטפערט מיט דעם לשון גייא צוריק
אהיים אונ זאלסט גיין צו רב פון
אוהל. דיא זאלסט אים זאגין פון
מיינט וועגין אז עס איז שוין גיקומען
דיא צייט ער זאל אוים טוהן דיא
קינדער שיכלעך אונ ער זאל אוים
טוהן דיא דעק פון זיין פנים פון
היינט אהן אונ ווייטער זאל ער צו
מיר נישט שיקען וויל איך ווייס אז
ער איז בכח צו טוהן ישועות אויף
דער וועלט אונ ער קען דיר העלפין
מיט זיין גיבעט עס איז אזוי גיווען
וויא דער מענטש איז צוריק גיקומען
צום רב פון אוהל אונ האט אים גיזאגט
דיא אלע רייד וויא ער איז גיבאטין
גיווארין האט ער אים גיבענטשט אונ
ער איז געהיילט גיווארין פון זיין
קרענק:

לד) דיא מעשה האט דערציילט החסיד
ר' שמואל הקטן אז בייא אים
אליין איז דיא זאך גיוועזן אז איין
מאהל איז ער שלאף גיווארין אונ ער
האט שוין נעהאלטין בייא יציאת נשמה
דיא חברה קדישא האבין זיך שוין
איינגיזאמלט צוא שטיין ווען זיין
נשמה וועט ארוים האט ער פליצלינג
גיעפינט זיינע אויגין אונ האט גיזאגט
אז מען האט אים ארויף גיברענגט
אונ הימעל אריין צו שטיין פאר דעם
בית דין של מעלה צום דין צו ער
זאל לעבין צוא שטארבין. דאס בית
דין האבין זיך אנידער גיזעצט אריין
קלערין אונ זיין דין אונ ער איז זיך
גישטאנין אונ א ווינקעל. וויא ער
איז דארט גישטאנין איז אהן גיקומען
זיין רבי ר' מענדעלי וואס ער האט
נאך דאמאלס גילעבט. איז ער
אריין גינאנגין. וויא ער האט איהם
גיזעהן זאגט ער צו אים שמואל
וואס טוסט דיא דא? האט ער אים
דערציילט אז דאס ב"ד האבין זיך
גיזעצט אריין קלערין אונ זיין דין
אויב ער זאל לעבין וכו'. האט ר"מ
צו אים גיזאגט גייא דיר אהיים
אונ איך וועל דיך שוין דא גירעכט
מאכין דאמאלס האט ער גיעפינט
זיינע אויגין אונ איז צוריק לעבידיג
גיווארין דער נאך האט ער גילעבט
א לאנגע צייט:

לה) איין מענטש פון רימינוב איז
גיפארין אונ דער הויפט שטאט
ווין אהן לייגין א מסורה פאר דיא
קעניגליכע יועצים זייא זאלין ארויף
ווארפין א פאדאטיק אויף איין זאך
וואס עס איז נאר געהאנדילט גיווארין
בייא יודין וויא ער איז גיקומען פאר
דעם טויער פון הויף וואס ער איז
פאר דעם הויף פון דעם שר. האט
ער

ער גיזעהן דאס גישטאלט פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי פאר זיינע אויגין און זיין שטעקין און זיין האנד. און ער ווייזט אים אציכין ער זאל זיך נישט איינשטעלין צו גיין ווייטער. איז ער זיך אהיים גיגאנגין שלאפין צו מארגינס האט ער נאך אמאהל גיפריבט גיין. אבער וויא פערווינדערט איז ער גיבליבין אז ער האט גיזעהן דעם אנדערין טאג אויך דעם רבי'ן מיט זיין שטעקין און דער האנד. און ער האלט אים איין ער זאל נישט גיין ווייטער. האט ער גיזעהן אז דאס איז נישט קיין לעהרע זאך האט ער גימיזט צוריק אהיים פאהרין קיין רומינוב:

---

טז) דיא קינדער פון ר' מענדעלין דיא רבנים מו"ה נתן לייב ומו"ה יעקב ישראל זענין אמאהל גיוועזין אום שבת ביא דעם רבי'ן פון לובלין. און אום שבת האט דער לובלינער צו זייא גיזאגט איך ווייס נישט פאר וואס איך האב היינט נישט גיפינין אייער פאטער אויף אלע אייבערשטע וועלטין וויא זייא האבין דאס געהערט איז זייער הארץ און זייא גיווארין אויס גיוועפט. און זייא האבין נישט גיקאנט איינריען פון דעם שרעקעניש וואס זייא האבין גיקלערט וועגין זייער פאטער. מוצאי שבת האבין זייא זיך פריא אפ גיזעגינט און זענין אהיים גיפארין. וויא זייא זענין אהיים גיקומען האבין זייא אלעם גיפינין בשלום האבין זייא דערציילט זייער פאטער דעם ליבלינער'ס רייד. האט ער אביסיל גיגעכין אשמייכיל און ער האט גיזאגט ער זיכט מיך אויף דיא אייבערשטע וועלטין האט ער מיך נישט געפינין פאר וואס האט ער מיך נישט גיזיכט און דיא ביהמישע נעריכטין דאמאלס וואלט ער מיך גיוועזן דארט גיפינין:

---

יז) אמאהל איז ר' נפתלי ראפשיצער גיוועזן ביא דעם רבי'ן ר' מענדעלי. האט דער רבי געהייסין יעדין ארויס גיין פון שטיב ווייל ער האט עפים גיוואלט רעדין מיט דעם ראפשיצער רב און זיין זוהן ר' נתן לייב איז נאך דאמאלס יונג גיוועזין. האט ער זייער געגלוסט צו וויסין וואס זייא שמיסין בעזאמין. האט ער זיך בעהאלטין אינטער דעם אויבין מען זאל אים נישט זעהן וויא עס איז שוין יעדער געהאט ארויס גיגאנגין האבין זייא אנגעהויבין בעזאמין צו שמיסין. האט דער הייליגער רבי ר"מ אנגעהויבין צו רעדין מיט אים פון אלערלייא מינים און קארטין הינט וואס עס זענין פערהאנדין אויף דער וועלט און אזוי האט ער גיציילט און גירעכינט אויף דעם ארט איז פער האנדין הויכע הינט און אויף א אנדער ארט איז פערהאנדין הינט מיט קליינע פיסלעך אזוי האבין זייא אוועק גישמיסט א שעה צייט וועגין דעם וויא זייא זענין ארויס גיגאנגין פון דעם חדר איז ר' נתן לייב ארויס גיגאנגין פון זיין בעהעלטעניש און ער האט זיך גיזעהן מיט דעם ראפשיצער האט ער אים גיבעטין ער זאל אים געבין צו פערשטיין דעם אינהאלט פון דעם שמיס. ענטפערט אים ר' נפתלי זאלסט וויסין אז דיא זיבציג יאהרין וואס דער מענטש לעבט וועלין נישט גינוג זיין איך זאל דיר דערציילין דיא סודות וואס זענין

וענין בעהאלטין אונ דעם שמים :

יח) אמאהל האט ר׳ נפתלי מרופשיץ גיזאגט ביא שלש סעודות חידושי תורה. אויך גרויסע סודות אונ וויל ער איז גיוועזן אגרויסער עניו. האט ער נאך שלש סעודות אנגעהויבין זייער צו וויינין. וויל ער האט אנפלעקט גרויסע סודות אונ ער ווייסט זיין גידרינקייט אז ער איז נישט ראוי דער צוא האט ער מורא גיהאט. ווייל דעמאלט מאכט מען דערנאך ביטער אז דאס פון דער סט״א איז תיכף מוצ״ש נאך דער הבדלה האט ער גיבעטין דעם חסיד ר׳ פישיל סופר ער זאל פאר אים נעמען קיין פריסטיק צום רבי׳ן ר׳ מענדעלי וענין זייא אגאנצע נאכט גיגאנגין פיר מייל. ווייל עס איז לעכטיג גיווארין זענין זייא גיקומען צוא ר׳ מענדעלין. ווייא ער האט זייא גיזעהן האט ער נעפרעגט ר׳ נפתלי׳ן פון רופשיץ וואס טוהט איר ביא מיר אזוי פריא. צו איז ביא אייך שלום אונ צו אייער בני בית. האט ער גיענטפערט עס איז צו אללעם פריד. אונ ער האט אנגעהויבין צו וויינין. אין דער צייט אים דו גאנצע מעשה. איז דער רבי ר׳ מענדעלי גיגאנגין מיט דעם רופשיצער אונ אבעזונדער חדר אין ער זאגט צו אים זאגט מיר אייער תורה וועל איך ווייסין צו עס איז פון השי״ת צו עס איז פון סט״א ח״ו. ווייא ער האט אים איבער גיהזרת דיא תורה. האט אים ר׳ מענדעלי גיגעבין אקלאפ אונ דו פלייצים אין ער האט צו אים גיזאגט. וואהל איז אייך ראפשיצער רב ווייא גוט איז אייער חלק וואס איר האט ב״ה גינרייכט צו אגרויסע מדרגה אונ השי״ת׳ס וועגין צו זאגין אזעלכע גרויסע סודות :

לט) דער רבי ר׳ מענדעלי טריטנוב אין דער אפטער רבי אונ דער ראפשיצער זענין גיזעסין בעזאמין דער אפטער איז גיוועזן א אלטער מאן איז ער גילעגין אויף זיין בעטיל אונ דער רוזמנובער איז גיזעסין נעבין אים אונ דער ראפשיצער וואס ער איז גיוועזן איונגער מאן. איז גיזעסין נעבין זייא אויף דער באנק. האט דער אפטער רבי גיזאגט. ראפשיצער רב ווייא איז אייך גיפעלין דו מליצה ביא דער שמונה עשרה פון ערב יום כיפור? אונ ער האט דער ביא גילאכט דעם רימינובער׳ס משמש וואס ער איז אויך גיוועזן אגרויסער למדן אין אבעל מדרגה. האט ער גיפרעגט דעם ראפשיצער ער זאל אים זאגין וואס דער אפטער מיינט. נאך האט דער משמש גיזאגט אז זיין הייליגין רבי׳ן אדער דעם אפטער האט ער זיך מורא איין צושטעלין אונ צו פרעגין. אבער איר זענט נאך איונגער מאן פרעג איך מיינס נרייבין האט ער אידם דערציילט אז דאס יאהר איז ר״ל גיוועזן אגזרה זייער א שלעכטע אויף דיא ווייבער. זענין גישטארבין פיל ווייבער ר״ל בפרט אויף טראגידיגע. אונ איין דארפם מאן וואס ער איז דארט גיוועזן בשעת ער האט גידאווינט מנחה אום ערב יום כיפור. ווייא ער איז צו גיקומין צו דער ברכה פון מברך השנים. האט ער אללעס גיזאגט נשים. ברך עלינו את הנשים הזאת וכו׳ וברך נשותינו כנשים הטובות וכו׳ מברך הנשים. האט מען אונ הימיל דער הערט זיין תפלה דעריבער האבין זייא גילאכט אויף דער גיטער מליצה :

ם) דער רבי ר׳ אלימלך איז גיוועזן זיין

זײַן שטײַגער צו זאָגין אויף זיך מבוזה'דיגע רײד װאָס עס איז. אַפילו ניצט שײַן צו זאָגין אויף אײַן פושעי ישראל. אָבער זײַן כונה איז גיװען אויף אַנדערע. אַ מאָהל האָט ער אַזוי גירעדין אויף זײַנע תלמידים דער רבי פון לובלין און דער קאָזניצער מגיד און נאָך אַנדערע תלמידים אָבער זײַא האָבין זיך נאָר נישט מצער גיװען. נאָר װיא ער האָט אַזוי גיזאָגט אויף ר' מענדעלי ריםינאָװער האָט ער זיך מצער גיװען און האָט גיפאַסט. איז דאַמאָלס צו אים אַרײַן גינאַנגין זײַן מאַכטער מיריש און זאָגט צו אים. מײַן פאָטער דער דאַרער מענדיל האָט דאָך שוין נישט קײַן כח אַרים צו נײַן פון דײַן מוסר און בזיונים. האָט דער רבי ר' אלימלך צו אים גיזאָגט זעה מענדיל דו האָסט גליק פון מײַן טאָכטער מיריש. און װײַטער זאָלסט דו דיך שוין הימין:

〰〰〰

מא) אַמאָהל איז דער רבי ר' אלימלך מליזענסק גיקומין און

ביהמ"ד אַרײַן מיט אַשטעקין און דער דער האַנד אַרוים צו יאָגין דו חסידים פון ביהמ"ד. און ער האָט צו זײַא גיזאָגט אַז דער בעל דבר דער יצר הרע איז צו אים גיקומין און האָט צו אים גיזאָגט אַז דו יאָגסט מיך מיט חסידים װעל איך מאַכין דו גאַנצע װעלט חסידים װעט איר שוין נישט האָבין קײַן כח. דעריבער האָב איך מורא טאָמער זענט איר דו חסידים פון דעם בעל דבר. און װיא ר' מענדעלי איז גיװאָרין רבי און רימינוב האָט ער גיזאָגט איך האָב פון דעם בע"ד תלמידים. נאָך האָט דער רימנובער גיזאָגט. אַז עס קומין צו מיר הינדערט מענטשין האָט פיפציג דער בעל דבר געשיקט און פיפציג זענין אמה'ע חסידים האָט ער בכח מבטל צו זײַן דאָס שלעכטע. אָבער אַז עס קומין מײַן זאָל השי"ת העלפין פון אַזאַ אויסמישינג:

〰〰〰

מב) עס האָט זיך אַ מאָהל גיטראָפין אַז אום יוכ"פ װיא ער האָט אָב גידאַװינט מוסף. אַזוי װיא זײַן מנהג איז גיװען אַלע יאָהר אַז ער פלעגט אַלײַן דאַװינין פאַר דעם עמוד און דאָס יאָהר איז ער אַזוי שלאָף גיװאָרין אַז ער האָט נעמיזט מפסיק זײַן און דערמיט דאַװינין און האָט זיך אַנידער גיזעצט אויף זײַן שטיל אָפ רוען. דער נאָך האָט ער גיקאָנטשיט מוסף און האָט תיכף אַלײַן גידאַװינט מנחה אויך פאַרין עמוד. װיא עס איז גיקימין מוצאי יוכ"פ בײַא נאַכט האָט ער גיזאָגט צו זײַנע קונדער אַז ער איז אַזוי שוואַך גיװען בײַא מוסף דאַװינין אַז דו נשמה איז אים שיעור אוים גינאַנגין. נאָר װיא ער האָט גיקאָנטשיט מוסף האָט ער גיזעהן אַז יעקב אבינו ע"ה שטײַט נעבין אים איז ער גיבליבין שטײַן אויף זײַן אָרט װײַל ער האָט נישט געקאָנט האָבין קײַן העזה אַװעק צו גײַן פון דעם עמוד דעריבער האָט ער גידאַװינט מנחה אויך:

〰〰〰

מג) דער רבי ר' ישעי' פון דינוב װאָס אלי' הנביא האָט זיך

צו אים בעװיזין אַלע מוצאי שבת. איז גיװען אַ תלמיד פון דעם רבי'ן ר' מענדעל מרימנוב. אַ מאָהל איז דער רבי ר' ישעי' גיװען און רימנוב בײַא זײַן

זײַן הײליגין רבי׳ן. איז דאַמאָלס גיקומין אַ מענטש פֿון אינגעדין קײַן ריםינוב צו דעם רבי׳ן ר׳ מענ עלי ז״ל מיט אַ בקשה. אַז זײַן האַנדיל איז כּמעט טיטײַן וואָס ער האָט אָב גירינגין בײַ דעם רעגירונג. און ווײַל דאָס יאָהר איז נישט גיוועין קײַן האַנדיל יאָהר האָט ער נישט פֿערקױפֿט זײַן גאַנצע סהורה און ער איז גיבליבין אַגרויסער בע״ח. האָבין איס די רעגירונג זײער געצווינגען און גימאַכט אַ מורא אַז ווײַא באַלד ער וועט נישט בעצאָהלין ביז און דער אוים גיזעצטער צײַט. וועלין זײַא פֿערקױפֿין זײַן גאַנץ פֿאַרמעגין. איז ער גיקומין מיט זײַן ביטער גיבעט צו דעם רבי׳ן אַז ער זאָל פֿאַר אים בעטין ער זאָל געהאָלפֿין ווערין. האָט אים ר׳ מענדעלי גיהײסין ער זאָל גײן צום רבי׳ן ר׳ ישעי׳ בדינוב ז״ל. האָט אים ר׳ ישעי׳ גיבענטשט און ער האָט אים נעהײסין אַ הײם פֿאָהרין ער זאָל זאָגין דעם גיזעצטין פֿון דעם רעגירונג וואָס טאָהגט אים אַז און דער אויסגיזעצטער צײַט און דעם אײַנינים טאָג און אין דעם חודש וועט ער פֿערקױפֿין דעם טיטון און וועט אים בעצאָהלין זײַן חוב. איז דער מענטש צוריק גיקימין צו ר׳ מענדעלי זיך גיזעגנין און ער האָט איהם דער צײלט די רײד פֿון דעם רבי׳ן ר׳ ישעי׳לע. האָט דער ריםינובער גיזאָגט זעה נאָר ווי׳א ווײַס דער צדיק האָט ליב יודין. איז דאָרך אײן יוד וועט ער גאַנץ איננאַרין פֿערברענין. דער מענטש האָט נישט פֿערשטאַנין וואָס דער רבי מײנט. איז ער אַ הײם גיפֿאָרין. עס איז פֿערבײַא נעגאַנגין עטליכע וואָכין איז גיוואָרין אַ גרויסע היטץ און אונגאַרין און די טיטין בלעטער וואָס זענין גיוועין גרײט אָב צו שנײַדין זענין אָב גיטריקינט גיוואָרין פֿער גרויס היטץ און זײַא האָבין צו גאָר נישט גיטויגט. דאָרך דעם איז דעם יוד׳ס סחורה טײַער גיוואָרין. האָט ער פֿערקױפֿט זײַן טיטון וואָס ער האָט נעהאַט פֿין פֿאַר אַ יאָהר מיט גרויס פֿערדינסט און ער האָט אוים גיצאָהלט אַלע זײַנע חובות דאַמאָלס איז בײַא אים פֿער ענטפֿערט גיוואָרין וואָס ר״מ האָט אים גיזאָגט. ווײַל ער האָט גיזעהן ברוח הקודש וואָס עס וועט זײַן. איז ער דער נאָך גיפֿאָרין קײַן ריםינוב דאַנקין אים דער פֿאַר:

מד) דער רבי ר׳ צבי אלימלך פֿון דינוב ווען ער האָט גילערינט בײַא זײַן רבי׳ן און ריםינוב איז גיוועין אַ געשיכטע אַז אַ מאָהל בײַא שלש סעודות האָט ר״מ גיזאָגט אַז ער האָט געהערט אוים רופֿין און הימסיל. אַז ווער עס איז און דעם דור פֿון דעם קאָזניצער מגיד. און ער וועט זעהן דאָס פּנים פֿון דעם מגיד. איז ער פֿערזעבערט אַז ער וועט זעהן דאָס פּנים פֿון משיח ווי׳א דער ר׳ צבי אלימלך האָט דאָס געהערט פֿון זײַן רבי׳ן. און אַז דער רבי האָט נאָר אָב גימאַכט הבדלה. האָט ער זיך אָבגיזעגינט מיט זײַן רבי׳ן און ער האָט גינימען זײַן שטעקין און דער האַנר און זײַן זאַק אויף די פּלײצים צו גײן קײַן קאָזניץ ער האָט נישט גערוהט אויף קײַן שום אָרט מײַא בײַא נאַכט אויך נישט גינעכטיגט אויף קײַן שום אָרט ביז ער איז גיקומען קײַן קאָזניץ. ווי׳א ער איז גיקומען און שטאָט אַרײַן איז ער נישט גיגאַנגין און קײַן שום נאָכט הויז אַרײַן נאָר

ער

ער איז גלייך געגאנגען און ביהמ״ד אריין פון דעם מגיד און צו דעם הדר וואס דארט האט געוואוינט דער רבי. אזוי איז ער געגאנגען מיט זיין זאק און מיט זיין שטעקן. מיט פיל זירקייט האט ער זיך גיקענט דארך שטופען געמין שלום. אבער מען האט שוין געהאט ארים גערינגילט דאס בעט פון דעם מגיד. ווארין ער פלעגט שטענדיג ליגין אויף זיין בעט דארך זיין גרויס שוואכקייט. דעריבער האט ר׳ צ״א שוין נישט גיקאנט זעהן דעם מגיד איז ער צו גינאנגין צו דער וואנט און ער האט אהן גישפארט איין פיס אויף דער וואנט און אויף זיין שטעקין און מיט זיין אנדערע האנד אויף איין מענטש. אזוי האט ער זיך אויף געהויבין צו זעהן דעם מגיד. ווי ער האט אים אנגיקוקט האט דער מגיד אויף געהויבין זיין קאפ און האט גיזאגט מיט דעם זכות פנים זעהן וועסט דיא שוין זוכה זיין צו זעהן משיח:

~~~~~~~~

מה) דער רבי ר׳ זאלקא פון צאנז איז אמאהל גיפאהרין צו זיין רבי׳ן ר׳ מענדעלי ז״ל אויף שבת און וויל עס איז דאמאלס גיוועזן ווינטער אויך גרויסע פרעסט און שנייען איז קיינער נישט גיקומען צום רבי׳ן אויף שבת דאמאלס איז ביי דעם רבי׳ן נאר נישט גיוועזן אהן גיגרייט אויף שבת. אדער וויל דער רבי איז גיוועזן גיענגט און געלד וויל עס איז קיינער נישט גיקומען אדער וויל מען האט נישט גיקרינין קיין פלייש און פיש מיט לעכט. וואָרין מען האט נישט גיקענט ניין און דיא שטעט אריין וואס זענען גיוועזן ארים ריטינוב. פרייטאג צו נאכט ווי זיי האבן אב גיגעסן זייער אגימיינע סעודה וואס זיי האבן געהאט און נאך דעם וואס דיא לעכט זענין פערלאשן גיווארין האט דער רבי גיזאגט צו ר׳ זלקין. קים זעץ דיך אויף מיין בעט וועל איך הערין דיא הגדה וואס דיא צדיקים זאגין יעצט און גן עדן וועל איך דיר זאגין זענין זיי אזוי גיזעסין א גאנצע נאכט און דער רבי האט אים אלע מאהל דערציילט וואס ער הערט תורה פון דיא צדיקים און גן עדן:

~~~~~~~~

מו) אמאהל איז דארט אום גיגאנגין אקרענק ר״ל. ווי ר׳ מענדעלי איז דאס גיוואר גיווארין האט ער אויף זיך גינימין ער זאל נישט ניצין מיט קיין שום גאלדענע און זילבערנע כלים. און אזוי האט ער גוזר גיוועזן אויף זיין בני בית אויך. איז פון דאמאלס אהן דיא קרענק גישטילט גיווארין נאר איין קליין זילבערין לעפילע האט ער געהאט וואס ער פלעגט דער מיט אלע טאג אויף מישין דיא קאפע. וויל ער האט גיזאגט אז אלע הייליגע קבלה ספרים פון דעם האר״י ז״ל און פון רחו״ז האט ער גילערינט אויסינווייניג ווען ער האט גימישט מיט דעם זילבערנעם לעפילע דעריבער איז עס ביי אים זייער חשוב. אמאהל האט מען ר״מ גיברענגט זייער אשיינים און אפייערין טיש. און זיין זוהן ר׳ נרון לייב איז דאמאלס נאך גיוועזן אקליין יונגיל. איז ער גילאפין ארים דעם טיש צו שפילין זיך מיט דיא רעשט קינדער פון דיא שכנים. ווי דאס קינד איז אים נאך גילאפין האט

ער

ער זיך גינעבין אקלאפ אונ א עק טיש אונ ער האט אהן גיהויבין צו שרייאין דער קאפ . דער קאפ . האטיש ער האט זיך תיכף ווייטער גישפילט פון דעסט הערין האט ר' מענדעלי גיזאגט מען זאל אפ טוהן אשטריכלינג פון זיין הויז . וויל עס איז דערינין גישאדיגט גיווארין איהדיש קינד . אונ ער האט נעהיימין אפ שניידין דעם עק פון דעם טייערין טיש :

~~~

כז) דער רבי ר' אברהם מרדכי פון דאבראמיל איז אמאהל

גיגאנגין מקבל פנים זיין רבי'ן קיין רימינוב . איז ער פערבלאנדזיט גיווארין אונ ער האט נישט גיוויסט וויא אהין צו גיין אונ וויא ער האט זיך אוים גימאהלט דאס גישטאלט פון זיין רבינ'ס פנים זענין זיינע אויגין גיווארין אויף גיעפינט האט ער גיזעהן ער איז אויף אקריכטליכען סמענטארש איז ער פון דארט ארוים גיגאנגין אונ איז זיכער גיגאנגין קיין רימינוב :

~~~

כח) דער גאון ר' יחזקאל פאנעט איז גיוועזן א תלמיד פון

ר"מ . פיל שטעט האבין אים גיוואלט אויף נעמין פאר רב . נאר זיין ווייב וייל זיא איז גיוועזן אגבירי'ס אטאכטער האט זיא נישט גיוואלט איר מאן זאל זיין וויא א פערקויפטער קנעכט דאס איינינע יאהר איז ער מיט זיין בני בית גיפאהרין קיין ביעליטץ ער זאל דארט מקיים זיין דיא מצוה פון כיבוד אב . וויא ער איז צודיק אהיים גיפאהרין איז ער גיפאהרין דארך פריסטיק מקבל פנים זיין רבי'ן ר"מ , אונ ער מיט זיין בני בית זאלין

פון אים גיבענטשט ווערין . וויא זיין ווייב איז ארייין גיקומען צום רבי'ן האט ער זיא גיבענטשט אונ גיזאגט צו איר . איך זאג דיר אהן אז דיא זאלסט זיין רביצין . האט זיא ווייער גיזויינט דערויף . עס האט נישט גידויערט קיין לאנגע צייט זענין גיקומען גנבים אונ האבין ביא זייא א עס צו גיגאנבים זענין זייא גיבליבין נאקיט האבין זייא דאמאלס גיזעהן אז השי"ת וויל ער זאל זיין רב איז ער גיווארין רב אונ אוסטריק :

~~~

מט) דער רבי ר' מענדעלי זי"ע האט גיזאגט אז דער מענטש וויל

זיך דער וועקין תשובה צו טוהן זאל ער זיין אויף דעם קבר פון דעם רבי'ן ר' אלימלך אונ ליזענסק דעריבער פאהרין פיל צדיקים אויף זיין יאהר צייט :

~~~

נ) אונ דעם רימינובער ביהמ"ד איז מען

זיך נוהג נאך היינט מען זאל זאגין ערב שבת פאר שמונה עשרה פון מנחה דעם מזמור „לדוד ברוך ד' צורי וכו'" דארך אמעשה וואס עס איז גישעהן . וואס אלע פויערין פון ארים אונ ארים האבין זיך פערזאמילט צו מאכין א בונד אויף דער רעגירינג אונ זייא האבין צובראכין אלע אדלערס וויא מען איז דיא זאך גיוואר גיווארין אונ דער שטאט דוקלא זענין פון דארט גיקומען זעלנער קיין רומאנוב צו שטראפין דיא פויערין האבין זיי זיך צו שפרייט אונ אלע זייטין אונ זענין אנטלאפין . דיא זעלנער האבין אנגעהויבין גאנץ צו זוכין וואס דא איז גיוועזן . אונ

וייל

ווײַל מען האָט זײַא אַרויס גיגעבין רשות האָבין זײַא נעהדניש ווענין זײַא האָבין גיטראָפין האָבין אַלע יורין דיא אָפּגעוואָרגערט פון דער שטאָט מורא געהאַט אַרויס צו גײַן אויף דער גאַס פרײַטאָג פאַר טאָג האָט דער רבי ר׳ מענדעלי נישט גיהערט ריפין דעם משמש צו „שומרים״ האָט ער גיפרעגט זײַן משרת אויף דער זאַך . האָט ער אים גיענטפערט אַז עס זענין גיקומען זעלנער און שטאָט אַרײַן דעריבער האָבין זײַא זיך מורא צו ווײַזין אויף דער גאַס. האָט דער רבי צו אים גיזאָגט איך בין פערזיכערט אַז זײַא ווערין נישט נעמינין און שטאָט . ווי עס איז נאַכט גיוואָרין איז דער רבי גיגאַנגין דאַווינין און ביהמ״ד אַרײַן האָט ער גיזעהן אַז עס איז קײַן מענטש נישט דאָ און ביהמ״ד נאָר זײַן בני בית מיט זײַנע משרתים . האָט ער גיפרעגט וויא איז דאָס קהל . האָבין זײַא אים גיענטפערט . אַז זײַא האָבין מורא איבער צו לאָזין זײַערע ווײַבער אַלײַן דאָרך דיא זעלנער האָט ער אָנגעהויבין צו דאַווינין און פאַר דעם דאַווינין אשרי האָט ער גוזאָגט דעם מזמור „לדוד ברוך ד׳ צורי המלמד ידי לקרב וכו׳״ און אײדער ער האָט גיקאָנטשיט דעם מזמור האָט מען געהערט אַז זײַער נאַטשאַלניק האָט גיטראָמײטערט צו פערזאַמלין זײַן חיל זענין זײַא אַוועק פון שטאָט און זײַא האָבין דאָרט נישט גינעכטיגט פון דאַמאָלס אָהן איז גיוואָרין דער מנהג צו זאָגין דעם מזמור פאַר אשרי :

~~~~~~~~

נאָך דער רבי פון לובלין האָט דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי אָהן גיטוהן זײַער פיל כבוד ביז ער האָט גיזאָגט אַז ער האָט מורא צו נריסין אים . וואָרין ווער קען זיך אײַנשטעלין צו נריסין אים חוא דער רבי פון לובלין איז גיקומען קײַן לאַנציט איז דער ריטינובער גיקומין און דער רבי ר׳ אברהם ישעי׳ העשיל פון אַפּטאָ זענין גיקומין אויף שבת קײַן לאַנצהיט צום לובלינער. און ווײַל מען האָט זײַא גימסרט האָט מען זײַא דרײַא גינומין און דעם אַקרוזשני סאָגד אַרײַן קײַן רישא און ווײַל דער רבי ר״מ האָט גיקענט גיט רײדין דײַטש איז ער גיוועזן אַ פרעדינער צו ענטפערין דעם סאָדיאַ אויף זײַנע שאלות . וויא ער האָט זײַא גיפרעגט וואָס איז אײַער טוהן ? האָט ער גיענטפערט מיר דינען שטענדיג השי״ת . נאָך וואָס זענט איר אַהער געקומין ? צום רבי׳ן ר׳ יעקב יצחק . וואָס איז זײַן גישעפֿט ? ער דינט דעם אײבערשטין זײַער פלײַסיג . פאַר וואָס גײַט איר ווײַסע קלײדער ? ענטפערט אים ר׳ מענדעלי ז״ל נאָך וואָס גײַט דער העדר שוואַרצע קלײדער . דער סאָדיאַ איז זײַער גיוואָרין און כעס אויף דעם ענטפער . ענטפערט אים דער רבי אויב דער העדר וועט רעדין מיט גיבײזער וועל איך אײַך נאָר ניט ענטפערין . און אַזוי וויא ער האָט גירעט האָט ער איבער נידריגט זײַן האַנד מיט זײַן פינגער . איז אויף דעם סאָדיאַ גיפאַלין אַ פחד . האָט ער גיזאָגט מיט אַזעלכע מענטשין האָב איך נישט קײַן גישעפטין . און ער האָט זײַא אַרויס גילאָזט פרײַא :

~~~~~~~~

ב) און דער צײַט פון דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי האָט דאָס רעגירונג גוזר גיוועזן אויף די דאָרפסלײַט אַז

זײַא

זייא זאָלין אַרוים פֿון די דערפֿער אונ די שטעט אַריין. איז דיזע זאַך ביא זייא זייער שווער געוועזן. האָבין זיך אַ״ע דערפֿסלייט פֿערזאַמילט צו קומין אויף שבת קיין רימינוב. פֿרייטאָג צו נאַכט האָט ער זייא נאָר נישט געזאָגט אונ נישט גירעט דערפֿון נאָר אונ דער פֿריא ביא דעם עסין דאַמאָלס איז געוועזן פ׳ בשלח האָט דער רבי גיעפֿינט זיין מויל אונ האָט צו זייא גיזאָגט. איר דערפֿסלייט זענט צו מיר גיקימין איך זאָל פֿאַר אייך בעטין אַז דאָס האַרץ פֿון דעם קייזער מיט זיינע הערין זאָל איבער גיקערט ווערין אויף אייך צו גיטען אונ די גזרה זאָל פֿון אייך בטל ווערין. זאָלט איר וויסין אַז דיזע זאַך איז פֿון השי״ת ער האָט אַריין גיגעבין אונ דעם האַרץ פֿון דעם קייזער מיט זיינע הערין זייא זאָלין אייך אַרוים יאָגין פֿון דיא דערפֿער. בעוויל אויסער דעם וואָס איר פֿערברענגט אַ״ערע טעג אונ יאָהרין אונ די דערפֿער אונ איר וועיסט נישט צו דאַווינין בציבור אַ גאַנין יאָהר. טוהט איר נאָך אַ ערגערע זאַך. דאָס איר זענט מחלל שבת אונ איר היט אים נישט וויא עס געהערט צו זיין. אונ אַ גאַנצע טאָג פֿערברענגט איר מיט גאַרישקייטין. איר מיט אייער קנעכט אונ דינסטין אונ בהמות. אָבער אַז איר וועט וואָהנין אונ שטאָט וועט איר מיזין אָפּהיטין שבת אונ יו״ט יעדער איינער וויא וויים ער וועט קענין. האָבין זייא אַללע תיכף גישריגין מיט אַ גיוויין אונ האָבין גיזאָגט. אַללעס וואָס דער רבי וועט אונז הייסין וועלין מיר אויף זיך נעמין אונ טוהן. נאָר איר זאָלט פֿאַר אונז בעטין אַז דיא גזרה זאָל בטל ווערין. האָט דער רבי צו זייא גיזאָגט דיא בעסטע עצה איז פֿאַר אייך אַז איר מיט אייער בני בית זאָלט אויף אייך נעמין צו היטין דעם שבת וויא עס געהער צו זיין דאַמאָלס וועט דער אייבערשטער אויף אייך איבער קערין צו גוטין דאָס האַרץ פֿון דעם קייזער מיט זיינע הערין. אונ זעהט אַז איך זאָג דאָס נישט פֿון מיין האַרץ אוים ניקלערט נאָר עס שטייט אַזוי אונ דער תורה „שבו איש תחתיו״ רוהט יעדער אויף זיין אָרט דאָס הייסט מען זאָל אָפּ היטין דעם שבת וויא עס געהער צו זיין „אל יצא איש ממקומו״ וועט קיינער נישט אַרוים גיין פֿון זיין אָרט נאָר איר וועט דאָרט וואָהנין רוהיג:

---

נג) אונ אַ דאָרף נעבין ראַפּשיין האָט גיוואָהנט אַ ערליכער יוד וואָס האָט געהאַלטין די אַרענדע אונ ער איז גיוועזן אַ אָרימאַן ער האָט נישט געהאַט צו בעצאָהלין פֿאַר דער אַרענדע פֿון אַגאַנין יאָהר. האָט דער פּריץ צו אים גישיקט אַז ער זאָל אים בעצאָהלין וואָס אים קומט. אונ אויב נישט זאָל ער זיך צו אים נישט אַריין ווייזין. אונ זאָל זיך נישט איינשטעלין צו קומין בעטין. וואָרין אַז ער וועט קומין בעטין מיט די ליידיגע הענט. וועט מען אים שלאָגין מיט ריטער. וויא דער מענטש האָט געהערט דיזע אַללע רייד. האָט ער זיך נישט גיוואוסט אַ עצה צו געבין איז ער גינאַנגין צום רבי׳ן ר׳ נפתלי קיין ראַפּשיין אונ ער האָט פֿאַר אים אוים גיגאָסין זיין ביטער האַרץ. אויך האָט ער אים דער ציילט אַז ער קען נישט גיין זיך ביא אים בעטין. וואָרין אַז ער וועט אַהין גיין וועט מען אים שלאָגין אום דער באַרמיגע שלעק אויף דער באַנק

האָט

האָט אים דער רבי געזאָגט. זאָלסט ניט גיין צום פריץ און דער אייבערשטער וועט דיר העלפין און דו זאָלסט נישט איבער ענטפערין דיין גוף צו קלעפ. איז ער אַ היים גיקומין און האָט דער צייל'ט זיין בני בית וואָס דער צדיק האָט אים געזאָגט. האָבין זייא אים גיענטפערט. דו ווייסט דאָך אַז נאָך אַ קליינע צייט וועט דער פריץ שיקין זיינע בייזע שלוחים און זייא וועלין אונז אַרויס יאָגין פון דאַנין. האָבין זייא אַ עצה געהאַלטין אַז ער זאָל פאָהרין צום רבי'ן ר' מענדעלי קיין רימינוב. וויא ער איז אַהין גיקומין און דער צייל'ט דעם רבי'ן זיין ביטער האַרץ. האָט ער אים גיענטפערט וואָס איז דאָס אַזאַ גרויסער שטאָרים. גייא צום דעם פריץ און זאָלסט אים בעטין און אויב ער וועט דיר הייסין געבין פיר אָדער פינף קלעפ. דו וועסט פון דעם נישט קראַנק ווערין און נישט שטאַרבין. ער וועט דיר נאָך דער נאָך גיטס טוהן. איז זיך דער מענטש אַהיים גיגאַנגין און האָט דאָס דער צייל'ט זיין בני בית האָבין זייא איהם אַללע געהייסין אַזוי טוהן. איז ער געגאַנגין צום פריץ. וויא דער פריץ האָט אים דער זעהן האָט ער אים געהייסין שלאָגין פינף קלעפ אויף דער באַנק. און ער האָט נישט געהערט זיין גיוויין נאָך דעם ערשטין קלאַפ און נאָך דעם אַנדערין ביז מען האָט גיקאַנטשעט פינף קלעפ. דעמאָלט האָט ער זיך אנדער גיזעצט און אַ ווינקעלע און ער האָט זייער גיוויינט. וויא דער העַרר האָט געהערט זיין גיוויין. איז אים זיין האַרץ איבער גיקערט גיוואָרין און ער האָט חרטה געהאַט אויף דעם וואָס ער האָט איהם געהייסין שלאָגין. דען וואָס זאָל טוהן דער פערשניטענער יוד אַז ער האָט נישט נאָר זיין גוף אַליין. האָט דער אייבערשטער גיגעבין דעם חן פון דעם יוד בייא דעם פריץ און דו אויגין. האָט אים דער פריץ צו גירופין און זאָגט צו אים. דאָס וואָס דו ביסט מיר שילדיג פון לאַנג חעל איך עס אויס מעקין פון מיין בוך נאָר פון יעצט אָהן וועל איך רעכינין. און פאַר דו פינף קלעפ וועל איך דיר מערין צו געבין פינף קלאַפטער האָלץ יעדעם יאָהר אויך אַ לאָנקע צו פאַשין דיינע בהמות איז זיך דער יוד אַ היים גיגאַנגין זייער פריליך. און איז זיך גיפאָהרין צו דעם רבי'ן ר' מענדעלי ז"ל צו דער ציילין אים וואָס פאַר אַ טובות ער האָט מיט אים געטוהן. דעמאָלט האָט אים דער רבי גיענטפערט וואָס האָסט דיא גיקלערט אויף דעם ראַפשיצער וואָס ער האָט דיך נישט געהייסין פאָהרין. דאָס איז נישט וויל ער האָט נישט גיוויסט פון דעם נאָר ער האָט דאָס אויך גיזעהן ברוח הקודש. נאָר ער האָט אויף דיר רחמנות געהאַט דאָרך דיזע פינף קלעפ וואָס מען וועט דיר געבין. דעריבער האָט ער דיך נישט געהייסין אַהין גיין אָבער איך האָב גיזעהן אַז דו וועסט דאָרך דיזע פינף קלעפ פערדינין. דעריבער האָב איך דיך געהייסין אַהין גיין. דער נאָך האָט ר"מ ווידער גיזאָגט דאָס צווייטע מאָהל ער זעהט מיט דעם רוח הקודש פון גאָהנטינס און איך זעה פון וויטינס:

~~~~~~

נד) און דער צייט וויען עס איז געווען אַ קריעה צווישן דעם רבי'ן ר"נ טראָפשין און צווישן ר' ש"ל פון ראָפשיץ. האָט דער ראָפשיצער פערלאַנגט
~~~~~~

פערלאנגט פון דעם רבי'ן ר' צבי אריה'ק מדינוב אז ער זאל אויך יאגין דעם רבי'ן רש"ל. האט איהם רצ"א גיענטפערט וויא אזוי קען איך איהם יאגין איך גידענק דאך אז מיר זענין גיזעסין ביי דעם טיש פון אונזער רבי'ן ר' מענדעלי זענין מיר גיזעסין מיט גרויס מורא ביז פאר גרויס פחד האבין מיר מורא גיהאט אויף צו הייבין אונזערע אויגין ארויף. און דער רבי פון לענטשנא האט איהם געטוהן זיינע שיך און האט אום גיטאנצט אויף דעם טיש און דיא זאקין. און דער רבי ר' מענדעלי איז גיזעסין ביי דעם טיש און האט דאס גיזעהן פון דעסט וועגין האט ער גאר נישט גיזאגט:

~~~~~~~

נה) דער רב ר' הערש הכהן ז"ל ער איז נאך גיוועזן א משמש ביי דעם רבי'ן ר' מענדעלי איז גיוועזן זיין שטיינער אז פאר דעם דאווינען האט ער עפיס אהן גיגרייט איבער ביים פון דעם רבי'נס וועגין ער זאל האבין תיכף נאך זיין דאווינען ווייל ער האט געהאט זייער אשוואך הארץ. אמאהל וויא זיין רבי איז שוין געהאט גיזאגגין און ביהמ"ד ארייין דאווינען. און ר"ה האט גיוואלט אהן גרייטין איבער ביים האט ער נישט געהאט דעם שליסיל פון דעם קעסטיל וואס דארט זענין גילעגין דיא עסינוואהרג. ער האט ארום גיזוכט און אלע לעכער אבער ער קען איהם נישט גיפינען. דער ווייל האט דער עולם צו גידאווינט ביז פסוקי דזמרה. איז ביי איהם גיבליבין אז ער זאל פאר דאווינען דעם וואס נאך קען ער טוהן און נאך וואס זאל ער נישט דאווינען און דער צייט וויא ער האט אנגעהויבין צו דאווינען מיט התלהבות וויא זיין שטייגער איז גיוועזן אז דאמאלס איז ער גיוועזן און אלע הימלין. און דער ווייל האט מען אבגידאווינט און דער גבאי איז צו איהם גיקומען ער זאל איהם געבין דעם שליסיל פון דעם קעסטיל ווייל ער בעדארף געבין דעם רבי'ן צו איבער ביסין און דער ר"ה ווייל ער איז גיוועזן שטארק באהעפט און תשי"ת האט ער פערגעסין אז דער שליסיל איז פון איהם פערלוירין גיווארין האט ער אריין גישטעקט זיין האנד און קעשינע ארויין און געמט ארויס דעם שליסיל. וויא ער האט ניקאנטשיט זיין דאווינען דערמאנט ער זיך אז ער האט דאך פאר דעם דאווינען גיזוכט דעם שליסיל און האט איהם נישט גיפינען. איז ער זייער דערשראקין גיווארין דארך דעם גם וואס עס איז איהם גישעהן גיווארין. דער נאך איז ער גיוואהר גיווארין אז דעם שליסיל האט א אנדערער מענטש גענומען:

~~~~~~~

נו) דיזע מעשה האט ר' אלעזר פליזענסק גישריבין צו דעם רבי'ן ר' מענדעלי מריטאנוב מיט דעם לשון, אהובי ידיד נפשי וכו'. ווייל השי"ת האט מיר גיהאלפין וויל איך אייך שרייבין דיא ווינדערליכע מעשה וואס עס האט זיך גיטראפין צו דער טאכטער פון ר' ראובן מגראדזיסק. וואס און זיין טאכטער וואס וויא האט חתונה געהאט איז און איר אריין גיגאנגין א דיבוק דער בעל דבר ר"ל און ער האט ארויס גירעט פון איהר האלז מיט א קריסטליך לשון. און ער

ער האט זיא נישט גילאזט דער מאנין דעם איבערשטינס נאמין אפילו אנדערע מענטשין האבין פאר איר דערמאנט אהיילינ ווארט האט ער זיך אונ איר נוקם גיוועזן אונ האט אונ איר אהן געטוהן זייער ביטערע יסורים אהן אשיעור זענין זיא מיט איר ניפארין קיין נעשביז האט זיא אביסיל געהאט ארפואה. נאר ווייא זיא איז אהיים גיקומען האט דער בעל דבר אונ עטליכע טעג ארים איר גימערט שלעכין צו טוהן מיט נאך אזעלכע גרויסע יסורים. האט השי"ת געהאלפין אז דער היילינער טניד פון קאזניין האט עם פון איר ארוים גיטריבין אונ ער האט איר גיגעבין אקמיע איז זיא צוריק גיזונד גיווארין אזוי וויא אלע מענטשין אונ זיא האט געהאט רוה דעם פאר א יאהרינין ווינטער ביז פאר ר"ה. דער נאך איז דער בע"ד צו איר צוריק גיקומען אונ ער האט זיא גיפייניגט מיט זייער ביטערע פיין ער האט זיא נישט גילאזט גיין אונ שוהל אריין אום ראש השנה אונ יום כפור אויך נישט צו דערמאנין קיין שום היילינ ווארט אום יוכ"פ איז זיא גיגאנגין אונ שוהל אריין אונ ער האט דארט גימאכט ליצנות אונ ער האט נישט נירעט יודיש דעם ערשטין טאג סוכות האט ער זיא ניווארנין אונ זיא האט שוין נאר נישט ניקענט רעדין האט יערער אויף איר ניזאנט אז זיא וועט שוין נישט לעבין ווייל זייא האבין ממש ניזעהן אז איר נשמה איז איר ארוים ר"ל. פאר גרוים צער איז איר פאטער ר' ראובן גינאנגין צו זיין ברודער דאווינין. אונ דעם האט זיא אהן נעהויבין צו ווייזין מיט דז פינגער אויף די צורות וואס זענין אויף די ווענט אז מען זאל אונ

וייא אן ציינדין לעכט. האבין זייא דערפילט איר ווילין אונ האבין אהן גיציינדין פיל לעכט האט זיא אנגיהויבין צו רעדין מיט דעם לשון. וואס פאר א זינדיגערין בין איך דאס? איך זאל אזוי לאנג יסורים האבין. איז גיהערט גיווארין א קול וואס האט צו איר נירעט. מען קונד פארבט דיך נישט. דו וועסט שוין מעהר קיין יסורים האבין. דו ביזט קיין זינדיגערין נישט דו ביזט א צדיקת נאך הונדערט אונ צוואנציג יאהר וועסטו זיין אונ גן עדן. מיין ווייב איז נישט לאנג נישטארבין. אונ זיא איז שוין אונ גן עדן יועסטו נ"ב זיין אי"ה. אונ וואס דו האסט גילוטין ביז אהער דאס האט גימיזט אזוי זיין. דאס איז דיר נאך גיקומין ווען דיין ברידער איציק האט חתונה געהאט מיט זיין ווייב צירל שתחי'. אונ איך בין אויך גיוועזין אויף דער חתונה. אונ לעת עתה איז דיין ברידער איציק מיט זיין ווייב גיזינד. אונ זייא זענין אונ ליזענסק. אונ איהר בני בית. עפיץ זאלט ניט מתרעם זיין אויף איר וואס זיא האט זיך ניט גיפירט בדרך הישר. דאס איז זיא ניט שולדיג. דאס האט אלץ דער בעל דבר גיטוהן. אונ איך האב געהאט ארביט אז ער זאל זיך מגלה זיין כדי מען זאל אים קענין ארוים טרייבין. אונ וואס ער האט נעהאט שליטה צו איר צוריק צו קוממין. דאס איז מחמת דו קמיע איז אבנימיקט גיווארין אותיות. אונ נאך יו"ט זאל מען פאהרין לחרב המניר ער זאל איין אנדערע קמיע שרייבין אונ דיזע רייד וויא דאס בני בית האבין געהערט דאס קול אזוי רעדין זענין זייא אנטלאפין נאך ר' ראובן מיט זיין ברידער ר' שלמה נ"י אונ האבין נ[illegible] דערצלייט דו מעשה אונ האבין גיזאנט

קימט אַרײַן דער רבי ר׳ אלימלך איז דאָ. זענען זײ אַרײַן גיקומין אונ מיט זײ זענין מיט גילאָפֿין פֿיל מענטשין האָט דאָס קול אויס גירופֿין ווער עס איז נישט פֿון דער משפּחה זאָל אַרויס גײן זענין אַנדערע אַרויס גיגאַנגין. האָט דאָס קול אָהן געהויבין אונ האָט זײ גיזאָגט דברי מוסר. אונ האָט זײ גיזאָגט עטץ זענט מתפּלל אונ לערינגט אונ עטץ ווײסט ניט וואָס תפלה איז אונ וואָס לערנין איז איך ווײס יאָ וואָס תפלה איז אונ וואָס לערנין איז איך בין נישטאָרבין אונ איך לעב אָבער. אונ דאָס זײ אָנגיהויבין צו בענטשין מיט גרויסע ברכות אָהן אַ שיעור. עטץ זאָלט נישט זאָרגין ביז אַהער איז אײַך שווער גיגאַנגין עס האָט גימוזט אַזוי זײַן. אָבער פֿון יעצט אָן אונ ווײַטער וועט אײַער מזל אויף געהויבין ווערין. אונ די ברכות האָבין זײ גיהערט מיט גרויס דביקות אונ האָט אָהן גיזאָגט עטץ זאָלט די אשה אָפּ שונין זיא וועט תיכף גיזינד ווערין. זיא וועט בקרב הימים מעוברת ווערין מיט אַ בן זכר זאָל מען אים אָנאָמין נעבין נאָך מיר. האָט ר׳ ראובן גיפֿרעגט ווײא אַזוי איז אײַער נאָמין? האָט דאָס קול גיענטפֿערט אלימלך. אונ זײַט גיזונד. האָבין זײ ניט גיענטפֿערט. האָט ער זײ גיזאָגט וואָרים ענטפֿערט עטץ נישט האָט ר׳ ראובן גיענטפֿערט זײַט מוחל. אונ די אשה איז באַלד אַנטשלאָפֿין גיוואָרין. אונ אַשעה אַרום האָט זיא זיך אויף גיחאַפּט פֿון איר שלאָף. האָבין זײ זיא גיפֿרעגט. וואָס איז דאָ מיט דיר גיוועזן. האָט זיא גיענטפֿערט איך ווײס גאָר נישט. האָבין זײ זיא גיפֿרעגט אַך וואָס זיא האָט גיהײסין אָנצינדין די לעכט דאָס זיא גיענטפֿערט דאָרך דער גרויסער צרה וואָס איך בין גילעגין האָב איך גיזעהן אויס דעם אַלקיר אַרויס גײן אונ שטוב אַרײַן אַגרויסער אַלטער מאַן האָב איך מיך דערשראָקין ע״כ האָב איך געהײסין אָנצינדין לעכט. פֿאַר גרויס שמחה זענין זײ גיגאַנגין עסין אונ טרונקין. אונ דער פֿריא איז די אשה אויף גישטאַנין גיזינד. אונ זיא איז גיװאָרין אונ שוהל אַרײַן אַזוי ווײא אַלע יודישע ווײַבער. דיזע מעשה האָב איך געהערט פֿון מײַן מחותן ר׳ ראובן אונ זײַן ברידער ר׳ שלמה וואָס זײ זענין דאָ בײַא מיר גיוועזן. אויך האָבין זײ גיזאָגט אַז עס איז נישט מעגליך צו דערצײלין אַלע ריד פֿון דעם קול וואָס עס איז צו זײ גיהערט גיוואָרין:

~~~

נז) ר׳ יוסילי פֿון יאַרמאָליב האָט דערצײלט אַז ווען ער איז גיוועזן אַ יונגער מאַן האָט ער גיוואָהנט אונ גאַליציא אונ ער איז גיוועזן פֿון די חסידים פֿון דעם רבי׳ן מלובלין אטאָהל האָט ער אויף שבועות נישט גיקענט פֿאָהרין קײן לובלין איז ער גיפֿאָרין קײן רימינוב אונ ווײא ער איז דאָרט גיוועזן. האָט ער גיזעהן אַז דעם ערשטין טאָג שבועות אונ דער פֿריא פֿאַר דעם דאַוונין איז דער רבי ר׳ מענדעלי אַרײַן גיגאַנגין אונ זײַן חדר אַרײַן אויף אַקלײנע צײַט. אונ ווײא ער איז צוריק גיקומען אונ זײַן ביהמ״ד אַרײַן צו זײַנע חסידים האָט ער צו זײ גיזאָגט. דאָס ניטינג וואָס איר דאַרט געהאַט ווען איר האָט מקבל גיוועזן די תורה וואָס מען האָט אויף אײַך איבער גידרײַט דעם באַרג סיני. נעם איך אײַך אַרויף ... דעם אַחריות אונ

איר
~~~

זיך האט יעצט אנטע ברירה האבין זייא אלע גיענטפערט מיר ווילין יעצט אויך מקבל זיין דיא תורה האט דער ר' יוסילי דערציילט אז אלע חסידים האבין דאמאלס גיזעהן אז זייער אום רייניקייט האט זיך פון זייא אויף גיהערט. נאך יו"ט אום אסרו חג האט ר"מ גיזאגט צו אלע זיינע חסידים נייט אייך אהיים און צו ר' יוסילין האט ער גיזאגט. דיא פערבלייב דא מיט מיר. נאר דער ר' יוסלי ז"ע האט שטענדיג חרטה גיהאט אויף דעם וואס ער האט דאמאלס נישט גיפאלגט צו דעם רימינובער נאר ער איז תיכף גיפארין קיין לובלין צו דעם רבי'ן זצ"ל:

---

נח) נאך דעם וואס דער רבי ר"מ איז נפטר גיווארין זענין זיינע הייליגע קינדער גיפארין צו איינים פון דיא גרויסע צדיקים וואס זענין דאמאלס גיוועזן אז דער צדיק זאל אויס קלויבין איינים פון זייא ער זאל זיין רבי אויף זייער פאטער'ס ארט און זייא האבין מיט זיך מיט גינימין זייער פאטער'ס משרת דאס איז דער רבי ר' הערש הכהן פרימינוב פאר איין משמש ווייל זייא האבין גיקלערט אז ווען מען וועט אויס קלויבין ער זאל זיין א רבי וועט דער ר' הערש זיין ביי אים פאר א משמש אזוי וויא ביי זייער פאטער ז"ל וויא זייא זענין גיפארין אויף דעם וועג איז זייא אקיגין גיפארין איין דארפ'ס מאן וואס ער איז גיוועזן פון זייער פאטער'ס חסידים. און ער האט נאך נישט גיוויסט אז זייער פאטער איז נפטר גיווארין. וויא ער האט זייא באגעגינט אויף דעם וועג האט ער זייא גיפרעגט נאך וואס זייא פאהרין האבין זייא אים דערציילט. האט ער זייא גיוואלט זיין קוויטיל געבין ווייל זייא זענין דאך דיא קינדער פון זייער הייליגען רבי'ן נאר ווייל זייא האבין נישט גיוואלט נעמין קיין קוויטליך איידער דער צדיק האט זייא גיזאגט ווער עס וועט זיין רבי האבין זייא נישט-גיוואלט ביי אים נעמין דאס קוויטיל. נאר וויא ער האט זייא זייער גיבעטין. האבין זייא זיך גימאכט אנילעכטער מיט דעם דארפס מאן ער זאל געבין דאס קוויטיל זייער משרת דער רבי ר' הערש. דער דארפס מאן איז גיוועזן א פראסטער מענטש. איז ער גיגאנגין מיט דעם קוויטיל צום רבי'ן ר' הערש ז"ל און האט עס אים גיגעבין האט ער עס ביי אים צו גינימען. איז דאס ביי זייא גיוועזן א ווינדער. ווייל זייא האבין גיוויסט אז דער רבי ר' הערש איז א אמת'ר מענטש. אזוי וויא זייער הייליגער פאטער האט אויף אים גיזאגט „דער וואס גייט און דעם גאנצין וועג זאל מיך בעדינען" האבין זייא זיכער פערשטאנין אויב ער האט גינימען דאס קוויטיל קען ער בוודאי העלפין. וואס דאס איז זייא קיין מאהל נישט אויפגעפאנגין. זענין זייא מיט זייער ווינדער גיקומען און דער נעך צום צדיק וואס זייא זענין צו אים גיפארין ער זאל זייא זאגין ווער עס זאל זיין רבי. וויא זייא זענין גיקומין צו דער טיר. זענין זייא פריער ארייין גיגאנגין און דער צדיק האט זייא גיגעבין שלום וויא דער מנהג איז נאך זייא איז ארייין גיקומין דער רבי ר' הערש ז"ל. האט דער צדיק גיזאגט „ברוך הבא רטינובער רבי" און ער האט אים גיגעבין זייער אשיינים

א שיינים שלום. אויך האט ער אים מכבד געווען מיט זיצן אזוי ווי עס נעהער אהן צו אגרויסין רבי'ן איז דאס בייא זייא געווען אווינדער אונ אזוי האבין זייא מקיים געווען:

~~~

נט) אונ דער צייט פון דעם רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק איז געווען אסוחר אגרויסער נגיד אויך א גרויסער בעל צדקה. נאר אחוץ דעם האט ער גיטוהן וואס ער האט גיטוהן אונ זיין מנהג איז געווען אז ער זאל אללע יאהר קימין קיין ליזענסק אויף ראש השנה. אונ ער האט אנידער גילייגט זיין בינטיל געלד אונ ער האט פאר דעם רבי'ן אוים גירעכינט אללעס וואס ער האט גיטוהן דיזעס יאהר דער נאך האט ער גיזאגט צום רבי'ן ר' אלימלך זי"ע נעמט אייך פאר דעם וויפיל געלד איר ווילט. האט זיך דער רבי ר"א גינימין אשיינע פוסטע פארליג זיין רעכענונג. ווי עס איז גיקומין פאר ראש השנה דאס יאהר נאך דעם וואס דער רבי ר"א איז נפטר גיווארין. האט דער מענטש גיפרעגט ווער עס פירט דו חסידים אונ זיין נעגינד. איז ער גיווארר גיווארין אז דער צדיק ר' מענדעלי פרימינוב איז רבי. איז ער צו איהם גיפאהרין אונ האט דארט גיטוהן ווי זיין מנהג. פריער האט דער רבי ר"מ גיזאגט אז ער וויל נישט אזא מסחר. נאר וויל ער האט אים דער צייהלט אז זיין מנהג איז נאך אזוי גיוועזן פון ליזענסק האט ער בייא אים גיפועלט. נאר דאס איינינע יאהר איז דער גביר גישטארבין אונ ווי מען האט אים גימשפט פאר דעם ב"ד של מעלה איז דער רבי ר' אלימלך גיקומין צו זיין משפט פארליג זיינע טענות איז דעם רבי'ן ר' אלימלך גיוועזן אחידוש וואס ער איז גיקומין אויף דעם הימטיל ערויף פריער. האט אים דער עושר דערצייהלט וואס עס איז גיוועזן אונ רימינוב. האט דער רבי ר"א גיזאגט, עס איז מיר א חידוש ר' מענדעלי רימינובער האט דאך געקערט וויסין אז מלך האט ברייטע פלייצים:

~~~

ס) דער רבי ר' מענדעלי האט גיזאגט אז אייגער זאגט צו זיין איידים וואס ער זיצט אונ לערינט תורה מיט התמדה אז ער זאל אנהייבין צו האנדלין בעוויילע עס שטייט אונ (אבות פ"ב מ"ב) „טוב תורה עם דרך ארץ" דאס הייסט עס איז גיט תורה לערגין מיט האנדלין איז דער מענטש חס ושלום פון ערב ורב. אזא מעשה איז אויך גיוועזן פאר דעם רב ר' הלל אבד"ק אייבשיץ אז עס איז פאר אים גיקומין ראובן מיט זיין איידים שמעון ער זאל זייא פסקינין אדין תורה. האט ער זייא גיפרעגט ווער עס מאהנט. האט דער איידים גיזאגט איך מאהן מיין שווער וואס ער האט מיר צו גיזאגט בייא מיין חתונה צו געבין קעסט. אונ איך זאל זיין אב גילעהרט פון אלערלייא ארבייט כדי איך זאל קאנין זיין אמושלם אונ דער גאנצער תורה. אונ יעצט האט ער חרטה. אונ ער זאגט איך וויל טוהן דעם אייבערשטינ'ס ווילין אין מיר האבין דאך גילערינט אז עס איז גיט צו לערנין מיט האנדלין. האט ער גיפסקינט דעם דין מיט דיזען לשון. עס איז טאקי אמת וואס דו זאגסט. וויל דו זאך איז איין בפירושע משנה אונ מען קען דערויף נישט אב פרעגין. נאר

פון

פון דעסט וועגן זאָגין בעסער דו רייד פון דיין אידים שמעון איידער דיינע רייד. ווייל דער שכל איז אַז עס איז בעסער דיין אידים שמעון זאָל זיין גינים אונ גאַנצען ש"ס. אונ דיזע איינע משנה זאָל אים שווער זיין. איידער ער זאָל קענין לערנין דיזע איינע משנה אונ דאָרך דעם וואָס ער נישט קענין גאַנץ ש"ס:

~~~

פא) דער רימינובער איז גיוועזן אַנעבירטינער פון רושספולין. נאָך אונ זיין יונגער האָט ער אָהן געהויבין צו ניין גלות. ער איז אום גיגאַנגין נע ונד אונ אַלדע לענדער אויך אונ מדינת ספרד. איין מאָהל איז ער דאָרט גיוועזן אום פסח האָט ער גיגעסין בייא איינים אונ אַהייל אונטער דער ערד. וויא ער איז אַ מאָהל גיוועזן אונ דער שטאָט ברין אונ אַמיינטער גאַכט. האָט ער נישט נעהאַט קיין לעכט צו לייכטין. האָט ער זיך אַנידער גישטעלט אונ מיטין וועג לערנין בייא דער לעכט פון דער לבנה. איז דאַמאָלס דאָרך גיפאָרין אַ סוחר פון פריסטיק אונ ער האָט גיזעהן אַז אַ בחור שטייט אונ לערינב בייא דער לעכט פון דער לבנה האָט ער בייא אים גיפינין חן. אונ ער האָט אים אַהיים גינומין צו זיך פאַר אַ איידים:

~~~

פב) דאָס איז דאָך ווימינלעך אַז דער רבי ר' מענדעלי האָט אונ זיין יוגנד געליטין גרוים אָריסקייט אַמאָהל האָט אים זיין ווייב דו רביצין גיבעטין אַז ער זאָל אַרים פאָהרין אונ דו נאָהנטע שטעט אַרין צו זאָגין געמין געלד אויף פרנסה. ווי זי האָט זיך פיל גיבעטין האָט ער איר צו גיזאָגט. וויא ער איז גיקומין אונ מיטין וועג איז ער אַראָפּ גיגאַנגין פון זיין קאָטש. אונ האָט גיגראָבין מיט זיין פיס אונ דער ערד. האָט אים זיין איידים גיפרעגט וואָס גראָבט איר. האָט ער אים דאָרט גיוויזין אַז אַ רענדיל ליגט אויף דער ערד. זאָגט ער צו איהם זעה סיין זוהן וויא אַגרויסער אוצר וויל צו מיר קומין אונ איך וויל אים נישט. איז ער צוריק אַ היים גיפאָרין אונ איז נישט וויטער גיפאָרין:

---

סג) דער רבי ר' יחזקאלי פון שינאַווי פלעגט אַלדע טאָג זאָגין תחנון. אַפילו אויף דו יאָהר צייטין פון דו צדיקים אויך האָט ער מקפיד גיוועזן אויף דו חסידים וואָס זייא זאָגין נישט קיין תחנון אויף דער יאָהר צייט פון דו צדיקים. אונ ער פלעגט זאָגין וויא אַזוי צינדין מיר אָהן לעכט פון דער נשמה פון דעם צדיק'ס וועגין אַז עס קאָן זיין אַז דער צדיק איז נאָך דאָ אונ דעם גלגול אויף דער וועלט בגלגול. נאָר אויף דער יאָרצייט פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי מרימינוב האָט ער געהייסין אָהן צינדין לעכט אונ ער האָט דער ציילט אַז דער רבי ר"מ האָט אויף זיך גיזאָגט אַז ער איז שוין גיוועזן חינדערט מאָהל אויף דער וועלט אונ אין דער צייט פון דעם ביהמ"ק איז ער גיוועזן אַ כהן גדול. בייא זיין דאַווינין פלעגט ער זאָגין אים יוכ"פ בייא דער עבודה „וכך היתי אומר" נישט „וכך הי' אומר". ער האָט אויך אויף זיך גיזאָגט אַז יעצט איז דאָס לעצטע מאָהל איז ער יעצט מגולגל גיוואָרין אויף דער וועלט אונ ער וועט שוין

שוין מײַן נישט קומין אויף דער וועלט דעריבער אויף דײַן יאָהר צײַט האָט ר׳ יחזקאלי שינאַווער נעהײַסין אָהן צינדין לעכט :

---

כד) אַמאָהל איז דער רבי ר׳ מענדעלי גיגאַנגין שפּאַצירין מיט זײַן תלמיד אונטער דער שטאָט אוג האָבין גישמיסט סודות. האָט ר׳ מענדעלי אָנגעהויבין צו וויינין. פרעגט איס דער ראָפּשיצער. רבי ? נאָך וואָס ווייַנסטו ? זאָגט צו אים ר׳ מענדעלי פאַר וואָס זאָל איך נישט וויינין. איך בין דאָך גיוועזן אויף דער וועלט שוין הונדערט מאָהל איך בין דער מחבר פון אַלע אמתע חקירה ספרים. איך בין דער רמב״ם. אַ טײַל זאָגין אַז ער האָט גיזאָגט אַז ער איז גיוועזן אוג קרח׳ס צײַטין :

---

פה) אַמאָהל האָט ר״מ גיזאָגט. די וועלט זאָגט אויף מיר אַז איך בין אַ תלמיד פון דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך מליזענסק זי״ע. אמת טאַקי אַז איך בין זײַנם אַתלמיד נאָר מײַן עיקר רבי איז גיוועזן דער רב אַלפסי. אוג ער האָט אָהן געהויבין צו דער ציילין. אוג דער צײַט וואָס איך בין גיזעסין בײַא דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך האָב איך נעהאַט אַ בעזינדער חדר. וואָס אַז איך האָב נעהאַט צײַט האָב איך איבער גיחזרת דעם אלפ״ס אוג האָב גילערינט מיט גרויס התמדה ביז עס האָט זיך גיטאַכט אַשוים אויף מײַן מויל איז צו מיר גיקומין דער אלפסי אוג האָט מיט מיר גילערינט :

---

סו) הַנָגיד ר׳ יצחק מאַנים פון ריטינוב האָט געהאַנדילט מיט לײַווינט. וואָס ער פלעגט פערקויפין די סחורה קײַן פעסט. אוג דאַמאָלס איז דאָס גיוועזן אַגרויסער האַנדיל אוג דער רבי ר׳ מענדעלי האָט נישט קײַן הנאָה געהאַט פון דעם האַנדיל דאָרך אַפערבאָרגינים טעם. ער פלעגט שטענדיג רעדין פון דעם האַנדיל אוז ער האָט אים זייער פערמיאוסט. נאָך פלעגט ער זאָגין אַז דער האַנדיל וועט שוין נישט גײַן אויף דער וועלט אַמאָהל אום פרײַטאָג האָט ר׳ יצחק אָהן גיגרייט דרײַא אָהן גילאָרינע וועגין מיט לײַווינט מען זאָל זיא מוצאי שבת אַוועק פירין קײַן פעסט. שבת בײַא שלש סעודות וויא ער איז גיזעסין בײַא דעם טיש פון דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי אוג וויא ער האָט נעהערט אַז דער רבי ר׳ מענדעלי פער מיאוסט זייער דעם האַנדיל איז ער זייער איבער גישראָקין גיוואָרין. ווײַל ער האָט אָהן גיגרייט דרײַא וועגין לײַווינט אַוועק צו פירין קײַן פעסט אוג צום סוף האָט דער רבי נישט קײַן הנאָה פון דעם האַנדיל. וואָס זשע וועט ער טוהן מיט דער סחורה אַזוי האָט ער בײַא זיך גיקלערט נאָך דער הבדלה איז ער אַרײַן גיגאַנגין צום רבי׳ן ר׳ מענדעלי אוג האָט אים דערציילט זײַן ביטער האַרץ ענטפערט אים דער רבי. גײַא דיא נאַר נישט אַלע מאָהל איז שלש סעודות :

---

סז) אַמאָהל איז גיקומען צו ר׳ יצחק מאַנים פון רים נוב אַגרויסער סוחר פון דער שטאָט פעסט וואָס ער איז גיגאַנגין קאָרץ גיקלײַדט אַזוי וויא פען נײַט אוג יענער פרינה

האָט

האט איהם דער ר' יצחק דערציילט אז עס איז דא פערהאנדין א גרויסער צדיק האט ער איהם געבעטין ער זאל מיט איהם גייען צו דעם צדיק. איז ער מיט איהם געגאנגין. ווייא דער סוחר האט נאר ארויף געשטעלט זיין פיס אויף דער שוועל פון שטוב. האט איהם דער רבי געפרעגט, צו גייסט דיא ציצית? ענטפערט ער איהם יא. זאגט צו איהם דער רבי דאס צווייטע מאהל איך פרעג דיך אויב דיא גייסט ציצית ענטפערט ער איהם אויך יא אזוי פרעגט ער איהם דאס דריטע מאהל. האט דער רבי געהייסין זיין משמש ער זאל זעהן אויב ער גייט אונ ציצית. האט ער געזוכט אונ האט געזעהן אז ער גייט אהן געטוהן אקליין לייב צו דעקיל אזוי ווייא דיזע מענטשין. זאגט צו איהם דער רבי דאס הייסט נישט קיין ציצית. עס איז מחוב אויף יעדער יוד ער זאל גייען אהן געטוהן אלאנגין טלית קטן וואס זאל גרייכין ביז דער מילה איך וועל דיר דערציילין דעם גרויסען כח פון דער מצוה אונ מיין יוגינד איז געוועזן מיין טבע איך זאל גייען צו פיס צום רבי'ן ר' אלימלך זי"ע אויף דעם וועג האבין מיך באגעגינט דיא ווילדע פאסטיכעס אונ האבין מיט מיר געשעפיט האב איך אהן גענימען דיא ציצית אונ מיין האנד אונ האב זייא געוויזין איז אויף זייא באלד געפאלין א פחד אונ זייא זענין אנטלאפין. ווידער מיט יאהרין נאך דעם וואס איך בין שוין גרויס געוועזין בין איך געפארין אויף א וואגין צום רבי'ן ר' אלימלך. אונ מיטין וועג האט מיך באגעגינט א קאטש איינגעשפאנט מיט פיר פערד אונ גרויסער שר איז אונ איר געזעסין אונ דער וועג איז געוועזן א שמאלער וועג. האט דער שר אנגעהויבין צו שרייען דאס איך זאל מפנה זיין דעם וועג. האב איך גענימען דיא ציצית אונ מיין האנט אונ האב מיט זייא געשאקילט. האט דער שר באלד געהייסין דעם בע"ג ער זאל צוריק שטיפין דעם וואגין דארך דעם גרויסין פחד וואס עס איז אויף איהם געפאלין יעצט הייסטו שוין ווייא גרויס עס איז דער כח פון דער מצוה ציצית האט ער תיכף געשיקט ריפין זיין שניידער מו"ה לייב אונ ער האט געזאגט צום סוחר אז ער זאל איהם געבין געלד אויף צו נייען פון זיינעט וועגין אלאנגין טלית קטן מיט שיינע ציצית אונ ער האט איהם אהן געקליידט מיט דעם טלית קטן:

---

סח) אמאהל ביינאכט ווען דער רבי איז געשלאפין אונ זיין חדר אונ זיין משמש דער רבי ר' הערש איז אויך דארט געשלאפין אינטערין אויבין האבין זייא געהערט אקול וואס מען קלאפט ביי דער טוהר אונ וויל דער רבי ר' מענדעל האט נישט געזאגט דעם ר' הערשין ער זאל עפינין דיא טוהר. איז ער אליין אויך נישט געגאנגין עפינין דיא טוהר איז ער ווייטער געלעגין אויף זיין בעט אונ ער האט זייער געגלייסט צו וויסין וואס דער סוף וועט זיין פליצלינג האט ער געזעהן אמענטש איז אריין געגאנגין אונ איז צו געגאנגין צום רבי'ן ר' מענדעלי (דאס איז געוועזן דער פרשיסשער שר) אונ ער האט צו איהם געזאגט איך בעט דיך מיין העיר דיא נעטליכער טאן לאז מיך איבער פארין קיין רוססיא דארך דעם לאנד גאליציא

האט

האט אים ר' מענדעלי נישט געוואלט געבין קיין רשות האט דער שר צוא אים געזאגט איך וועל קויפין ביא יודין אלעס וואס איך וועל דארפין אונ דארך דעם וועט דיא מדינה רייך ווערין. האט אים ר' מענדעלי געזאגט איך וויל ניט דיין פארמעגין דאז זיין צו דיר וואס דיא האסט. וויא ער איז ארוים גענאנגין פון שטיב. האט דער רבי ר' מענדעלי געפרעגט דעם רבי'ן ר' הערש צו האסטו געזעהן דעם מענטש וואס ער איז דא געוועזן? צו ווייסטו ווער ער איז? האט אים ר' הערש געענטפערט איך האב אים געזעהן אונ איך קען אים אויך אז ער איז דער פרייסישער שר. אונ דיזע זענין זיינע סימנים. האט אים ר' מענדעלי געזאגט דיא האסט גיט געזעהן. יוסילי גנב (אזוי האט ער גירופין דעם שר) וויל איבער פאהרין דארך גאליציא ער זאל פער אומרייניגין דיא מדינה. איך וועל אים בשום אופן נישט לאזין:

---

כט) עס איז אמאהל איינער גיקומין צום רבי'ן ר' מענדעלי אונ האט אים גיפרעגט. אז ער האט געהערט וואס דער רבי בעריטט זיך אז דיזע אלע מענטשין וואס קימען צו אים ער זאל זייא גידענקין אונ בעטין פאר זייא. האט ער זייא אלע אונ זינען ווען ער שטייט שמונה עשרה האט דער מענטש געזאגט אז דיא זאך איז נישט מעגליך דאס אונ אזא קליינע צייט זאל מען קענין אונ זינען האבין אזוי פיעל מענטשין אויף דעם האט אים דער רבי ר' מענדעלי געענטפערט „פון יעדען געזעצט פון איד ר"ל ביטבט אונ:

הארצין אסקרופציכין אונ ביא דעם דאווינין עפינט מען דאס הארץ אונ מען זאגט רבש"ע קיק וואס דא שטייט:

---

ע) דער רבי ר' מענדעלי מריטינוב האט אמאהל געזעהן אז מען האט ביא אים גילייגט פון דיא אורחים'ס וועגין קלענערע חלות וויא מען איז געוואהנט געוועזן האט ער פערשטאנין אז דאס איז וויל עס איז זייער טייער. האט דער רבי געזאגט אדרבה מען דארף נאך מאכין גרעסערע וויא שטענדיג. וויל מסתמא זענין זיי הונגעריגער ווען עס איז א יקרות וואדין פיל האבין אונ דער היים נישט צו עסין צו דער זעט דעריבער האט ער געהייסין מאכין גרעסערע חלות וויא מען איז געוואהנט געוועזן:

---

עא) דוא מענטשין פון דער שטאט ראפשיטץ האבין זיך געוואלט אויף נעמין א רב אב"ד. זענין זייא געפארין צו רבי'ן ר' מענדעלי מריטנוב פרעגין אים א עצה אונ זייא האבין זיך דארט פערזאמט אויף שבת ביא שלש סעודות האט דער רבי ר"מ אנגעהויבין צו רעדין פון דעם ראפשיצער רבנות. פליצלינג איז ארוים געגאנגין אקול מיט דיזען לשון. חלעבין ווען ר' נפתלי דוקלער (אזוי האט מען גירופען דעם ראפשיצער און זיין יוגינד) זאל חעלין אוועק לייגין זיין נישעפט וואלט גלייך געוועזן אים אויפצונעמין. האט דער רבי ר' מענדילע תיכף געהייסין בענטשין און אהן צינדין לעכט. אונ ער האט גיפרעגט צו אלע וואס זענין געזעסין

בײַא

בייא דעם טיש . ווער האט דאס גיזאגט האבין זייא אלע גיענטפערט אז זייא האבין נישט גיזאגט . האט ר"מ גיזאגט אויב עס איז אזוי זעהט ראך אויס אז דאס קול איז ארויס פון הימעל . האט ער זייא תיכף נעהמין פארין קיין דוקלא אונ זייא זאלין אים אויפנעמין פאר רב . האבין זייא אזוי געטוהן :

~~~~~~~

עב) אונ דער צייט וואס דער רבי ר"מ איז נאך גיוועזן אונ פריסטיק איז אונ זיין הויז נישט גיוועזן אשטיקיל ברויט פון דיא קינדערס וועגין . אמאהל איז פאר אים גיקומען זיין זוהן ר' נתן לייב ווען ער איז נאך קליין גיוועזן . אונ ער האט גיוויינט אז ער איז זייער הינגעריג אז דיא נשמה גייט אים שיעור אויס . האט אים זיין היילינער פאטער אוועק גישטיפט אונ זאגט צו אים עס איז נישט אמת דיינע רייד . בעווייל אז דיא זאלסט זיין אזוי הינגעריג וואלט איך דיר זיכער געהאט געלד צו געבין מסתמא ביסטו נישט אזוי הינגעריג איז זיך דאס קינד גיגאנגין זיין וועג האט דער רבי גינעבין אקיק אויף דעם טיש דער זעהט ער אז עס ליגט א דרייער . האט ער צוריק גירופין דאס קינד אונ זאגט צו אים . דיא ביסט זייער גירעכט מיט דיינע רייד אז דו ביסט זייער הונגעריג :

~~~~~~~

עג) דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק האט זייער מקפיד גיוועזן אז עס זאל צו אים אונ שבת נישט קומין אזעלכער וואס ער גייט גיקליידט אינ וואלינע מלבושים . אונ מיט אזעלכע הוטלין וואס קיין יודין גייען זייא נישט נאר עס איז שטענדיג גילעגין אונ פעדיר הייזיל אבעזונדער מלבוש מיט א קאפעליש אז יעדער איינער וואס האט גיוואלט אריין גיין צום רבי'ן . האט ער גימוזט אהן טוהן דאס מלבוש מיט דעם קאפעליש ביז ער איז ארויס גיגאנגין . ווייא דער רבי ר' מענדעלי מפריסטיק אונ פון רימינוב איז גיקומין דאס ערשטע מאהל קיין ליזענסק אונ וויל ער האט גיוואהנט אונ אונגארין איז ער גיגאנגין אונ וואלינע קליידער . אונ ער האט נישט גיוויסט פון דעם רבינ׳ס בעפעהל אז מען זאל אהן טוהן דאס מלבוש וואס הענגט אונ פעדער הייזיל . איז ער אזוי אריין גיגאנגין מיט זיינע מלבושים צום רבי'ן ר' אלימלך . האט דער רבי ר' אלימלך אויף אים גאר נישט מקפיד גיוועזן . אדרבה ער האט אים נאך ארינטליך אויף גינומין . ער האט אים גיזעצט נעבין זיך מיט גרויס ליבשאפט אונ האט זיך מיט אים גיפרייט . דער וויל זענין דו משמשים גיווארר גיווארין אז עס איז צום רבי'ן אריין גיגאנגין אפרעטרער מענטש אונ וואלינע מלבושים . אונ וויל זייא האבין זיך נישט גיוואלט איינשטעלין אריין צו גיין . וויל זייא האבין מורא געהאט דער רבי זאל אויף זייא נישט בייז זיין פאר וואס זייא האבין אריין גילאזט אים פון פריער . דעריבער האבין זייא דאס דער ציילט זיין זוהן ר' אלעזר . איז ער תיכף אריין גיגאנגין אונ דעם רבינ׳ס חדר אריין . זעהט ער אז דער מענש זיצט נעבין זיין פאטער . האט ער אים גינעבין א ווינק ער זאל ארויס גיין . אונ זיין כונה איז גיוועזן ער זאל אנטוהן א אנדער מלבוש האט זיין פאטער דערפילט זיין ווינקין האט ער

גיזאגט

נִיזאָגט צו אִים מיט דעם לשון. לאָזיש. לאָזיש. וואָס ווילסטו פֿון דעם יודלי פֿינקין פֿייער פליִען אִים פון שטערין:

~~~~~~~~

עד) דער רבי ר׳ צבי אלימלך האָט און זיין יוגינד גינעסין קעסט

ביִיא זיין שווער הר׳ שמואל און דער שטאָט טשושט איז דאָרט גיווען אַ שוחט זייער איין איש מכובד און דער גאַנצער שטאָט. נאָר דער רבי רצ״א האָט אויף דעם שוחט ניט אַכטונג גיגעבין איז ער אים נישט גיפעלין. דעריבער האָט ער אויף געהערט צו עסין פלייש. האָט דאָס זיין שווער נישט גיקענט ליידין. איז ער עקסטרא גיפאָרין צום רבי׳ן ר׳ מענדעלי מרימינוב אַז ער זאָל זיין איידים הייסין עסין פלייש האָט אים ר״מ גיענטפערט. אויב ער וויל נישט עסין קיין פלייש לאָז אים אָפּ און ער זאָל טוהן וויא אַזוי ער וויל. אַמאָהל איז דער רבי רצ״א גיוועזען אויף שבת און אַפּטא ביִיא דעם רבי׳ן. האָט ער דערציילט דעם רבי׳ן אַז פֿיל יאָהרין עכט ער שוין נישט קיין פלייש וויל דער שוחט איז אים נישט גיפעלין. האָט אים דער אַפּטער רבי גיזאָגט אַ יישר כחך דיר דער פאַר. און ער האָט איהם דער ציילט אַז און יערסלאַב אי אַמאָהל אַרומגינאַנגין אַ שלאַפקייט אויף קליינע קונדער ר״ל. האָבין זייא גישריבין צום רבי׳ן ר׳ אלימלך מליזענסק. האָט ער זייא גיענפֿערט ווער בין איך וואָס איר האָט צו מיר גישיקט צו בין איך אַ נביא אָדער אַ בן נביא וואָס איך זאָל וויסין דוא סבה פֿון דער קרענק. נאָר וויל איר האָט אַיך שוין צו מיר גיקעהרט זאָג איך אַיך אַז פון היינט אָהן זאָלסט איר זעהן אַכטינג צו געבין אויף דוא שוחטים און אַיער שטאָט. האָבין זייא אַזוי גיטוהן, און זייא האָבין גידונגין אַ תלמיד חכם אירא שטיט ער זאָל שטיין אונטער דעם שעכט הויז צו זעהן וואָס זייא טוהן. איין טאָג האָט דער משגיח געהערט אַז דער אַלטער שוחט האָט גיזאָגט צום יונגין שוחט צו ווייסטו נאָך נישט אַז דוא שטאָט ניט שוין אויף אונז ניט אכטינג. דעריבער זאָלסטו ניט אַכטונג געבין און זאָלסט נישט טוהן אַזוי וויא מיר האָבין ביז יעצט גיטוהן, דאַמאָלס האָבין זייא גיוויסט אַז דער רבי האָט אמת גיזאָגט און זייא האָבין די שוחטים אַראָפּ גישטעלט פֿון זייער שמעללע. איז און שטאָט שטיל גיוואָרין. אַזוי האָט דער אַפּטער דער ציילט. עס האָט נישט גידויערט קיין לאַנגע צייט איז אָהן געקומין אַ אויס רעכט בריף פֿון סאַנד צום שוחט פון דער שטאָט טשושט אַז אַ קריסטין מאָהנט אים ער זאָל האַלטין דאָס קונד וואָס זיא האָט פֿון אים גיווינין רח״ל. דאַמאָלס איז מען און שטאָט ניוואָר גיוואָרין דאס גרויסקייט פון דעם רבי׳ן ר׳ צבי אלימלך ז״ל:

---

עה) אַמאָהל איז דער רבי ר׳ מענדעלי נילעגין אויף זיין בעטיל

און אַרים אים זענין גישטאַנין זיינע עטליכע חסידים, האָבין זייא פלוצלינג געהערט אַז דיא הענער קרייען. האָט דער רבי גיפרעגט די מענטשין. אויף וואָס בעווייזט דאָס קרייען פון די הענער. יעדער איינער האָט גיזאָגט פאַרלינג זיין שכל. איינער האָט גיזאָגט אַז עס ווייזט אַז די ליפּט איז אַנדערש גיוואָרין דער צווייטע האָט גיזאָגט עפּעס אַנדערש
~~~~~~~~

אַנדערש אַזוי וויא דו וועלט ניט אַ סימן אויף דעם קול וואָס דו הענער קרייען. האָט דער רבי ניענטפערט אונ ניזאָגט דאָס קול פון דו הענער בעוויזט אַז ווייל דו יודין האבין אָניהויבין אָהן צו טוהן רויטע מלבושים דאָרך דעם וועט בענייעט ווערין אויף דער וועלט אַקרענק וואָס הייסט מערידין רח"ל :

---

עו) דער רבי ר' אברהם ישעי' העשיל אבד"ק טלוסט איז אַמאָהל

גיוועזן בייא דעם רבי'ן ר"ח מקאסיב זי"ע האָט ער דאָרט אַריין גיקוקט אונ דעם ספר נועם אלימלך. אונ דער רבי ר"ח איז אַריין גיקומין אונ שטוב אַריין פרעגט ער אים אונ וועלכין ספר ער קוקט אַריין. ענטפערט ער אים אונ דעם ספר נועם אלימלך. פרעגט ער אים דו ווייסט וואָס עס שטייט אונ דעם ספר ענטפערט ער אים וויא אַזוי קען איך פערשטיין וואָס עס שטייט אונ דעם ספר נו"א דו וועלסט זאָגט דאָך אַז ווער עס קען פערשטיין אונ ספר נו"א קען מחי' מתים זיין. ענטפערט אים דער רבי ר"ח איך זאָג נישט אַזוי. איך זאָג אַז ווער עס קען מחי' מתים זיין קען פערשטיין אונ ספר נועם אלימלך. דער רבי ר' מענדעלי פון רימינוב האָט גיזאָגט אַז פריטאָג נאָך דער מקוה קען ער ניט פערשטיין אַ שטיקיל נועם אלימלך :

---

עז) יעצט וועלין מיר דערציילין וויא אַזוי דער רבי ר' הערש הכהן

איז גיוואָרין אַ משמש פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי פרימינוב. דער רבי ר' הערש איז גיבליבין איין יתום פון זיינע פאָטער אונ מוטער האָט אים זיין קרוב גיגעבין אוים צולערנין זיין אַ שניידער. אָבער ער האָט אַוועק גיוואָרפין זיין מלאָכה. אונ האָט נאָר גיוואָלט לערנין תורה. איז ער אַנטלאָפין קיין טאַרנאָ אונ איז גיגאַנגין נע ונד ביז ער איז גיקומין קיין פריסטיק. איז ער תיכף גיגאַנגין אונ דעם ביהמ"ד אַריין פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי אונ ער האָט זיך אנידער גיזעצט בייא דעם טיש מיט אַ ספר תהלים אונ דער האַנד. ער האָט גילייענט דערינין אונ פון זיינע אויגין האָט גירינין טייכער טרערין יאָהן אַ אויפהער. זעגין זייא צו אים צו גיגאַנגין אונ פרעגין אים וואָס זיין מלאָכה איז. אונ וויא אַ הין ער וויל פאָהרין האָט ער אָנגעהויבין צו וויינין אונ ער ענטפערט זייא אַז ער איז פערלאָזט גיוואָרין פון זיינע פאָטער אונ מוטער וואָס זייא זענין גישטאָרבין אונ ער האָט נישט ווער עס זאָל אים פירען. זיין ווילין איז נאָר תורה צו לערנין. אונ אויב ער וועט גיפונין אַ מענטש וואָס ער זאָל מיט אים לערנין תורה וועט ער דאַמאָלס גיטרייסט ווערין. דו בית מדרש לייט האָבין אויף אים רחמנות גיקריגין אונ האָבין מיט אים גילערינט דו סדרה פון דער וואָך אונ אַזוי אַללע מאָהל ווייטער פון פסוק צו משניות. פון משניות צו גמרא. אונ ער האָט אַליין גילערינט משניות נאָר פלייסיג ביז ער האָט שוין גיקאָנט לערנין. האָט ער גילערינט מיט דו בחורים אונ ביהמ"ד. אונ זיין דאַווינין מיט זיין חסידות איז אַללע מאָהל גרעסער גיוואָרין. אָבער דאָס פנים פון דעם רבי'ן ר' מענדעלי וואָס ער האָט געוואָהנט אונ דעם הויז

האָט

האט ער נישט זוכה געווען צו זעהן. נאר ווען ער איז געקומען און דער פריא דאווינען בציבור. דער רבי ר' הערש ז"ל האט געגליסט זוכה צו זיין ער זאל זיין ביי דעם רבי'ן. און צו זעהן זיין הייליג פנים און צו בעריגען אים. אזא שטארק ליבשאפט האט זיך אויס געבראכין און זיין הארץ אז ער פלעגט נישט רוען. אלע זיינע מחשבות זענען נאר געווען און עס ווען ער וועט זוכה זיין צו זעהן דאס פנים פון דעם הייליגען רבי'ן. האט ער זיך גיטוהן עצות אהן צו הייבין. און גימיינע מלאכות וואס זיא שפייען נאר גידריג. ער איז גינאנגין און פערער המדיל א"ג ער האט זיך גינעבין צו דער קענין צו דעם גריבע הייצער ער זאגט צו אים ווייל דיא האלץ קאמער איז דאך ווייט פון דאנין גיב מיר איבער דעם שליסיל אונ איך וועל דיר שטענדיג ברענגין דאס האלץ. איז אים דיזע זאך געפעלין און מיט זיין גאנצין הארץ האט ער דערפילט זיין בקשה. דער בחור ר' הערש האט אויף זיך גינומען צו זיין האלץ טרעגער ער פלעגט אלע און דער פריא און פאר נאכט ברענגין דאס האלץ אזוי וויא איינער טראגט האלץ צום מזבח און וויא ער פלעגט צו קאנטשין זיין ארבייט איז ער צוריק גיגאנגין צו זיין ארבייט לערנין תורה וויא עס איז פער ביי א גיגאנגין עטליכע טעג האט ער גיבעטין דעם הייצער אז ער זאל אים צו לאזין חייצין דעם אויווען האט ער אים דאס אויך גילאזט. עס האט ווייטער נישט גידויערט קיין לאנגע צייט האט ער ביי זיך גיקלערט אריין צו גיין אונ דעם רבי'נס חדר אריין. און דער פריא ווייא דער רבי און זיך ארויס גינאנגין אב פאהרין צום דאווינין האט ער דאמאלס גיפינען ארעכטע צייט אריין צוא גיין און דעם רבי'נס חדר אריין האט ער גיזעהן אז דער משרת קערט דאס חדר פון דעם רבי'ן. בעט ער אים אז ער זאל אים געבין דעם בעזים. האט ער אים גיקערט דאס חדר מיט גרויס פרייד וואס ער האט זוכה גיוועזן אויס צו קערין דאס חדר פון דעם צדיק. און וויא ער פלעגט קאנטשין און דעם חדר פון דעם צדיק זיין ארבייט איז ער באלד צוריק גיגאנגין צו זיין לערנין און דאווינין ער איז נישט לייריג גיגאנגין אפילו ארגע אזוי איז אויף אים פרביא גיגאנגין חדשים וכו' וכו':

דער בחור ר' הערש האט זייער גיפינין חן ביי אלע משרתים פון דעם רבי'ן אז וואס ער האט פערלאנגט האבין זייא אים נאך גיגעבין. אבער פון דעסט וועגין אויס צו בעטין דעם רבי'נס גילעגער ער זאל דערויף שלאפין און סימין טאג אדער ביי נאכט האבין זייא אים נישט גילאזט. זייא האבין נישט גיהאט האלבין זיין גיבעט וואס אזוי וויא ער איז דארט אהין גיקומען האט ער זיך ביי זייא גיבעטין אבער זייא האבין אים דאס נישט גיוואלט נאך געבין. בעוייל זייא האבין זייער מורא גיהאט פאר דעם רבי'ן. טאמער וועט ער נישט קאנין אויף רידערין דאס שמרויא און וועך צו מאכין דאס גילעגער וויא עס דארף זיין און אז דער רבי וועט זיך קימען אביסיל אב רוען און איבער שלאפין אז ער וועט גיפינין דאס זיין בעטיל איז נישט אקוראט אויס גיבעט, וועט

איז

איז נישט אַקוראַט אוים ניבעט ווען ער אויף זייא בייז זיין און ווייא איז שוין גיוועזן צו דעם מענטש וואָס דער רבי איז אויף אים בייז גיוועזן. ווייל דאַמאָלס האָט ער זיך שוין נימענט אָהן גרייטין תכריכים אויף יענער וועלט. נאָר דער יונגער בחור ר' הערש האָט זיך נישט מייאש גיוועזן פון דער אַרבייט אויך. ער איז גיוועזן זיכער אַז עס וועט נאָך גויף דעם אויך קימען אַ צייט. איין מאָהל האָט זיך נימאַכט אַז דעם רבי'נס משרת האָט זיך ניאָגט צו גיין זיין וועג וואָס מען האָט אים נעהייסן און דער בחור ר' הערש איז נישטאַנין נעבין אים ואָנט צו אים דער משרת יעצט בין איך ניצווינגין צו איבער געבין דיר דיזע אַרבייט דיא זאָלסט בעטין דעם רבי'נס בעט און מיטין טאָג. דאָס פנים פון דעם בחור איז פרייליך ניוואָרין און זיין הארץ איז פיל גיוואָרין מיט היילינע מחשבות אָהן אַסוף האָט ער זיך ניקערט צו דער אַרבייט. ער האָט אוים גיראַמט דאָס בעט פון אַלע אירע כלים. און ער האָט אָנגעהויבין און דער געך אויף צו רידערין דאָס שטרויא און ער האָט ווייך נימאַכט דאָס אינטערשטע אינטער בעט כדי זיין שלאָף זאָל זיין זיס דאָס אַלעם האָט ער גיטוהן זייער געשיקט און פרייליכע טרערין האָבין זיך ניקאָלערט אויף זיינע באַקין פאַר גרוים פרייד און האט גילויבט צו השי"ת. וואָס ער האָט זוכה גיוועזן דער צוא. ווייא דער רבי איז גיקומען זיך אַבּיסיל אָב ריען אויף זיין בעטיל און שלאָפין אַביסיל און מיטין טאָג. איז באַלד אַזוי ווייא ער איז אַרויף ניגאַנגין אויף זיין בעטיל האָט ער דערפילט אַז דאָס בעטין איז נישט אַזוי ווייא נעכטין און איינער נעכטין און מיט זיין רוח הקדש האָט ער דערפיהלט אַז זיינע משמשים האָבין יעצט נישט ניבעט. האָט ער נישט גיקענט שלאָפין. ריפט ער אריין זיינע משרתים און שרייט אויף זייא אָהן. ווער איז דאָס דער וואָס האָט מיר היינט ניבעט דאָס בעט? ענטפערט אים דער גבאי, זיכער דער וואָס בעט שטענדיג! זאָגט דער רבי זאָגסט ליגינד בעווייל אויב עס זאָל אַזוי זיין. נאָך וואָס זשע איז היינט אַנדערש ווייא שטענדיג. וואָס איך האָב בשום אופן נישט גיקענט אַנטשלאָפין ווערין. זאָגט מיר אוים און ליקינט נישט פאַר מיר. זאָגט דער משרת. עס איז אמת אַז איך האָב היינט נישט ניבעט דאָס בעט. נאָר נישט חלילה בטלוון. נאָר ווייל איך האָב גימיך גיאָנט צו גיין דער רעביצינ'ס שליחות און דער בחור הערש פון טאָרנאָ בעט מיך אַללע טאָג איך זאָל אים לאָזין בעטין דאָס בעט. האָט ער יעצט ניבעט דאָס בעט. יעצט זאָל מיר דער רבי מוחל זיין ווייל איך בין ניוועזן גיצווינגין דער צו. זאָגט דער רבי אַז איך ווייס שוין יאָ דו זאַך. יעצט אויב דער בחור הערש קען יאָ אַזוי בעטין דאָס בעט. דעריבער פון היינט אָהן און ווייטער זאָל זיך קיין שום מענטש נישט אונטער שטעלין צו בעטין מיר דאָס בעט נאָר ער. פון דאַמאָלס אָהן האָט מען אים אריין ניריפין און ער האָט בעדינט דעם רבי'ן ר' מענדעלי. דאָרט האָט דער בחור הערש גיפינין זיין באַנער וואָס ער האָט גיוואָלט. דאָרט האָט ער גיפינין תורה און חכמה. פון דאַמאָלס אהן און ווייטער האט זיך נישטאַריקט זיין חסידות און ער איז אַללע מאָהל גרעסער גיוואָרין:

〰〰〰

עח) ווי דער רבי ר' מענדעלי איז אוועק ניפאָרין פון פריסטיק קיין רימינוב

האט ער מיט זיך מיט גענומען דעם בחור ר' הערש ער זאל אים בעטינען און שטיין פאר אים האט דער רבי מיט אים אַשידוך געטוהן. נאך זיין חתונה האט אים דער רבי דער הייכט און גיזעצט איבער זיין גאַנצין הויז. אַללעס וואס עס איז גיוועזן און שטוב איז גיוועזן אונטער זיין האַנד. דער רבי ר' אליעזר פון דזיקוב איז אַמאהל גיפאהרין בעזאַמין מיט דעם רבי'ן ר' הערש מרימינוב. ווי זייא זענין גיוועזן אויף דעם וועג האבין זייא בעזאַמין גירעט. און ווי זייא האָבין געהאַלטין און רעדין האָט דער רבי ר' הערש דער ציילט אַז און זיין חופה טאָג האָט מען צו אים צו זאַמין גירופין בחורים ווי דער מנהג פון דער וועלט איז. ווי זייא זענין מיט אים בעזאַמין גיזעסין. איז פלוצלינג אַריין גיקומין דער רבי ר' מענדעלי און דעם חדר אַריין וואָס זייא זיצין און ער איז צו גיגאַנגין צום טיש ריפט ער אים. שטייא אויף הערש וועל איך דיך לערנין וואָס עס הייסט התונה האָבין. איז ער מיט אים אַוועק גיגאַנגין און אַאַנדערי צייט אַריין און ער האָט מיט אים גילערינט גרויסע סודות דיזע רייד האָבין אים גיברענגט ער זאָל זיין רבי איבער יודין:

עט) אין דעם טאָג וואָס דער רבי ר' אלימלך מליזענסק איז נפטר גיוואָרין האָט דער רבי ר"מ גיזאָגט אַז ער האָט געהערט אַקול ריפט אויס פון הימעל אַז ער איז דער צדיק פון דור און אַלעס וואָס ער וועט פערלאַנגין פון השי"ת וועט ער דערפילין זיין גיבעט. איינער פון דעם רבי'ן ר' מענדיל'ס חסידים איז צו אים גיקומין אויף שבת און מוצש"ק האָט ער זיך גישטיפט אָב צו גיזעגינין זיך מיט דעם רבי'ן און ער האָט צו אים גיזאָגט אַז זיין ווייב דאַרף האָבין אַרפואה. האָט אים דער רבי גיזאָגט. עס זאָל זיין דער ווילין אַז דיין ווייב חנה זאָל גיזינד זיין און דו זאָלסט מיט איר האָבין אַ גיט לעבין. דאַמאָלס האָט דער מענטש גיזאָגט צום רבי'ן. רבי. מיין ווייב הייסט דאָך לאה האָט אים דער רבי נאָר נישט גיענטפערט נאָר ער זאָגט ווידער זיינע ערשטע רייד ווי דער מענטש איז אַהיים גיפאָרין האָט ער גיפינין אַז זיין ערשטע ווייב איז שוין גישטאָרבין און ווי מען האָט אים גירעט שידוכים אַז ער האָט נאָר דער הערט פון אַ יודינע וואָס הייסט חנה. האָט ער גיזאָגט דאָס איז טאַקין די איינע האָט ער זיא גינומין בעיוהל ער האָט פערשטאַנין אַז זיין רבי האָט דאָס גיזעהן ברוח הקודש:

פ) דער רבי ר' שלמה לייב פון לענטשנאָ און דער צייט וואָס ר' יצחק מוואַרקי איז צו אים גיפאָרין וועגין דעם וואָס עס איז געהערט גיוואָרין אַז מען וועט נעמין יודישע זעלנער. האָט ער גיענטפערט. אַז די אויגין וואָס האָבין גיזעהן דעם רבי'ן ר' מענדעלי מרימינוב. וועלין דאָס נישט זעהן. עס איז אַזוי גיוועזן דאָס ער איז פריער נפטר גיוואָרין:

פא) דער רבי ר' מענדעלי פלעגט שטענדיג רעדין אויף די לאַנד־שטראָססין וואָס מען האָט גימאַכט דיזע צייטין. און ער האָט גיזאָגט. ביז עס איז נישט גיוועזן קיין לאַנד־שטראָסס אַז מען איז גיפאָרין אונטער וועגינס האָט מען בייא נאַכט נישט גיקאָנט פאָהרין ווען עס איז גיוועזן אַ סכנה פון וועי

האט מען ביא נאכט גימיזט איבער געבעטינין און דו נאספעדע האט יעדער יוד ביא נאכט עוסק בתורה גיוועזן. יעדער מענטש וויא ער האט גיקענט. תהלים. שערי ציון, משניות. גמרא. יבדומה. א צינד דו שטראססען זענין ניטאבט גיוואָרין פאָרט מען יומם ולילה קימט קיין מאל נישט אויס צו לערנין אדער א יודיש וואָרט צו זאָגין. יעצט וואס זשע זאָלין מיר זאָגין. וואס דו באהן נימט ביא טאָג און ביא נאכט. קיין שום מענטש רוהט נישט וויל אגאנצע טאָג און א גאנצע נאכט איז יעדער פער טרוד אויף פרנסה. השי״ת זאָל לייט זעלינין זיין פאָלק יודין און זאָל שיקן דעם גואל צדק אמן:

סב) דיזע מעשה פלעגט דער רבי ר׳ מענדעלי דערציילין אלע פסח ביינאכט ביא דעם סדר. אפויער איז אמאָהל גיגאנגין אויף דעם יריד פער קויפין א קאלב וואס ער האט געהאט צו פער קויפין איז צו אים צו גיקומען א פריץ און פרעגט אים אויף פויליש. וויפיל הייסט דיא פאר דעם קליינים הינטיל דער פויער וואס האט גיוואָלט פער קויפין ענטפערט אים דאס איז דאך אקאלב נישט קיין הינט. זאָגט צו אים דער פריץ דאס איז דאך אהינט האָבין זיי זיך אזוי גיקריגט דער פויער האט גיזאָגט אז עס איז אקאלב און דער פריץ האט גיזאָגט אז עס איז אהינט ביז דער פריץ האט דעם פויער אויס גיצוינגן א פאטש ער זאָל אים מודה זיין אז עס איז אהינט נישט קיין קאלב און דער פריץ זאָגט צו אים איך האב דיר גינעבין אפאטש כדי דיא זאָלסט גידענקין דעם טאָג וואס דיא ביסט ארויס גיגאנגין און מארק ארויין. וואָרין אז דער פריץ זאָגט אז עס איז אהינט. איז עס אהינט נישט קיין קאלב דער פויער האט געהיטין דיא רייד פון דעם פריץ ער זאָל זיך און אים נוקם זיין און אים בעצאָהלין דער פאר. ער האט זיך א עצה גינעבין און איז גיגאנגין און האט פערברענט דעם פריץ׳ס פאליץ דער נאך איז ער פאר אים גיקומען מיט זיין שטעקין און קאליטע אז ער קען בויען וועט ער אים אויף בויען זיין הויז און דער נעך, זייא האבין איבער גירעכינט דעם אינהאלט פון דעם הויז זיין אויס גאנג. און איינגאנג. און ער האט אים גימאכט א חשבון וויא אזוי ער זאָל בויען און וויפיל ער זאָל בויען. וויפיל האלץ און אנדערע מאטעריאלין ער וועט דער צוא דארפין און וויל דער פריץ האט געהאט וועלדער אוים צו שניידין דאָרט האלץ וואס מען בעדארף צום בויען זענין זייא ביידע גיגאנגין און וואלד אריין וויל ער האט דאס גיטוהן מיט כונה כדי ער זאָל דעם פריץ אריין צוען און וואלד ער זאָל אים דאָרט בעצאָהלין זיין שכר. וויא זייא זענין גיקומען וויט און וואלד אריין. האט דער פויער גיזאָגט אז פון דעם האלץ וועט זיין אזוי פיל און אזוי פיל וועט מען דערפין קענין מאכין אנראָבין בעליק. ער האט אים אזוי אריין גיצווינגן און רייד אריין. און זייא האבין זיך גישפארט וועגין דעם בעליק מיט פערשידענע טענות. ער האט אב גימאסטין דעם בוים מיט דיא הענד און ער זאָגט צום פריץ אז ער וועט אויך קאָנין מעסטין דער פריץ האט אויס גיצווינגן זיינע צוויא הענד און נעמט ארים דעם בוים האט דער פויער גינימען דעם שטריק וואס מען מעסט מיט אים און ער בינט מיט אי[illegible] ארים דעם פריץ צו דעם בוים. און [illegible]ט אים זאָגט צו אים דער פויער. דאס האסטו דעם

ערשטין צייכין אז דער פויער זאגט אז עס איז אקאלב איז עס אקאלב נישט קיין הינט . יעצט האב איך דיר גיוויזען מיין כח דאס ערשטע מאהל . אונ איך וועל דיך נאך אהן לערנין צווייא מאהל. דער פויער איז זיך גינאנגין זיין וועג. אונ דער פריץ איז גיבליבין אהן גיבינדין צו דעם בוים אונ האט גיזיפצט ביז עס איז דארך גינאנגין אמענטש האט ער אים אויף גיבינדין . דער פריץ איז אהיים גינאנגין אונ האט גיזיפצט . אונ ער איז קראנק גיווארין ער האט גיפרעגט דאקטורים האבין זייא גיזאגט אז עס איז נישט פערהאנדין קיין רפואה צו זיין קרענק . דער פויער איז גינאנגין אונ האט זיך אהן גיטוהן אנדערע מלבושים אונ ער איז גיקומען אונ שטאט ארין אונ האט ארויס גילאזט אקול אז עס איז גיקומען אגרויסער דאקטער אונ שטאט ארין אונ קען היילין אלערלייא קרענק ביז מען איז גיווארר גיווארין בייא דעם פריץ האבין זייא אים גירופין ער זאל קומען היילין דעם פריץ ער וועט אים ניט בעצאהלין, דער רופא איז גינאנגין צום פריץ . אונ זאגט כען זאל יעדין ארויס נעמין פון שטיב . כדי ער זאל זיך ניט קענין ארים קיקין וואס דיא קרענק איז ווייל א דאקטער דארף זיין אום דער באהיינ אונ אויס צו שניידין דאס גימיינע פלייש אפילו דער קראנקער זאל שרייען. ווייא דער רופא האט גיזעהן אז עס איז קיינער נישט דא אונ שטיב . האט ער פערמאכט דיא טהיר . אונ האט אים הערשט אויפסנייא גינעבין א טויטע קלאפ אונ דער פריץ האט זייער גישרינען . אבער זיין בני בית האטש זייא האבין אים גיהערט שרייען האבין זייא גיקלערט דער רופא האט דאך נאך פריער גיזאגט . אז א קראנקער מוז שרייען דארך זיין ווייטאג אונ דער פויער'ישער רופא זאגט צום פריין . יעצט לערין איך דיך דעם אנדערין פרק אז א פויער זאגט אקעלביל איז א קעלביל נישט קיין הינט . אונ נאך איינמאל וועל איך דיר ווייזין מיין כח . דער פויער'ישער רופא איז זיך אוועק גינאנגין זיין וועג אונ דער פריץ האט גיזיפצט אונ גישעמט זיך צו דער צייטין זיין שאנד וויא ער איז נעהיילט גיווארין פון זיינע . עפעס האט ער זיך גיקלערט א עצה צו גיפינען אים אונ ער זאל זיך אונ אים נוקם זיין . אמאהל איז ער גיקומען אויף דעם יריד אונ דער פויער איז אויך דארט גיוועזן . האט ער גיזעהן אז דער פריץ איז אהן גיקומען מיט אשיינע פאר פערד האט ער איב דערקענט אבער דער פריץ האט אים נישט דערקענט האט זיך דער פויער גיקלינגט אונ האט גיפינען אפויער וואס ער רייט אויף אגרינג פערד אונ אגוטע צום לויפין שטעלט ער אים אפ אונ זאגט צו אים . נא דיר א צוואנציגעריל אונ טיא מיין באנער . יאג נאך דעם פריץ אונ זאלסט אים אפשטערין אונ אבגרויזמין אונ אויער . אז א פויער זאגט עס איז א קעלבעל איז עס א קעלביל אונ זאלסט אנטלויפין דיא זאלסט גאר נישט בלייבין שטיין. אפילו מען וועט דיך נאך יאגין זאלסטו גאר נישט שטיין נאר רייטין דיין וועג אונ זאלסט גאר נישט רוען . דער פויער האט נעטוהן זיין באנער . אונ דער פריץ וויא ער האט נעהערט דיא רייד פון דעם פויער האט ער גיקלערט אז דאס איז דער איינער האט ער געהייסין זיין משרת דעם בעל עגלה. ער זאל גיך נאך יאגין דעם פויער וואס רייט ביז דיא וועסט אים חאפין אונ ער האט אים גיבאטין ער זאל אויס שפאנין אפערד פון זיין וואגין אונ זאל נעך רייטין דער משרת פון דעם פריין האט גיטוהן וויא זיין העדר האט אים געהייסין אונ דער פריץ איז אליין גיבליבין אויף זיין קאטש . דער ווייל איז צו אים צו גיקומען דער פויער פון דעם קאלב אונ גיט אים א פאטש אונ ער זאגט אים איך בין דאס נישט קיין אנדערער דאס איז דער דריטער צייכין אז אפויער זאגט עס איז א קעלביל איז עס טאקי א קעלביל נישט א הינד אונ דער פויער איז זיך אוועק גינאנגין, אונ האט מנצח גיוועזן דעם פריין . אונ דאס קעלביל איז גיבליבין קעלבעל :